עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

קונטרס כ"ז

"ראו כי ה' נתן לכם מטמון"

# תוכן השיחה


די מעשה מיט דער משמש
"האנשים הכשרים שבמדינת קיר"ה"
די ערשטע מעשה וואס דער רבי האט דערציילט ר' נתן
רבי נתן האט פארשטאנען די רמזים...
די גאנצע בריאה איז רזין-דרזין...
דער כוח צו כובש זיין ארץ ישראל
דער רבי ברענגט אריין א דרך אין תפילה
בויגנס-בויגנס פון טענות ואמתלאות...
"ראו כי ה' נתן לכם מטמון"!
"רשמתי זאת בשביל דורות הבאים..."
"תיבת האמת והאמונה – להינצל מחבלו של משיח"
"גן ועדן ספרו הקדוש, ליקוטי מוהר"ן"
"אין לבוא בשערי ארמנותיהם – כי אם בהתקשרות האמונה"
ווי אזוי האט דער "חזון איש" אפגעפרעגט די תירוץ?
נישט מוחל זיין די קושיות...
"כל דבריו נכונים וקיימים ומועילים לעד"
דער ליקוטי מוהר"ן זאל רעדן צו מיר...



הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.540.1232 שלוחה 0 >1

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 6491 >1

ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.540.1232 שלוחה 2>27

גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765


חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' יצחק מאיר רוטמן שליט"א
לרגל הולדת בתו למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' צבי אריה מימון שליט"א
לרגל אירוסי בתו
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לבנות בית נאמן בישראל
ויתברכו בכל מילי דמיטב

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' משה ברוך פראנק שליט"א
לרגל הולדת בנו נתן למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' שמואל יצחק סימונס שליט"א
לרגל שמחת הבר מצווה לבנו נתן למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכיוצ"ח

# "ראו כי ה' נתן לכם מטמון"

### הרמזים והעצות המתגלים בדיבורי הצדיק בכוח האמונה

[שיחה שנמסרה בחבורת האברכים בי"ש – י"ז אלול תשע"ח]

## די מעשה מיט דער משמש

יענע וואך האבן מיר דערמאנט דא פון דעם מקורב וואס ווערט דערמאנט אין חיי מוהר"ן, דער מקורב פון רבי מרדכי'לע – איז דא ברענגט ער עס אין חיי מוהר"ן אות תקמ"ד: **"אָמַר, מִי שֶׁמְּקֹרָב לְצַדִּיק אֲמִתִּי יָמִים וְשָׁנִים הַרְבֵּה, וְעוֹמֵד וּמְשַׁמֵּשׁ לְפָנָיו וְשׁוֹמֵעַ דְּבָרָיו, אַף־עַל־פִּי שֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמֶּנּוּ כַּמָּה דִּבּוּרִים וְשִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים שֶׁאֵינוֹ מֵבִין בָּהֶם שׁוּם תּוֹעֶלֶת וְעֵצוֹת לְנַפְשׁוֹ, אַף־עַל־פִּי־כֵן אִם יִזְכֶּה – יוּכַל אַחַר־כָּךְ בִּרְבוֹת הַיָּמִים לְהָבִין לְמַפְרֵעַ לִלְמֹד וּלְהוֹצִיא מִכָּל הַסִּפּוּרִים שֶׁשָּׁמַע כְּבָר, עֵצוֹת גְּדוֹלוֹת לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ".**

דאס הייסט, אז ווען א מענטש דערהאלט זיך אין די אמונת חכמים, איז ער זוכה אז אסאך זאכן וואס ער האט בשעת מעשה נישט פארשטאנען, וועט ער שפעטער פארשטיין למפרע און ארויסנעמען פון דעם גרויסע עצות אין עבודת ה'.

**"וְכָל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁשָּׁמַע מִקֹּדֶם לִפְנֵי כַּמָּה שָׁנִים"** – יעדער דיבור, יעדער איינציגער דיבור וואס ער האט געהערט די פריערדיגע יארן – **"יִהְיֶה לוֹ אַחַר־כָּךְ תּוֹעֶלֶת גָּדוֹל, וִיחַיֶּה עַצְמוֹ אַחַר־כָּךְ בְּכָל דִּבּוּר וְדִבּוּר. כִּי אַחַר־כָּךְ**

**יִזְכֶּה לְהָבִין"** – שפעטער וועט ער פארשטיין! – **"וַיֹּאמַר זֶה רָמַז לִי מוֹרִי אָז בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן"**.

**"וְכֵן בְּכָל פַּעַם וָפַעַם, יִצְמְחוּ לוֹ בְּדַעְתּוֹ רְמָזִים נִפְלָאִים וְעֵצוֹת גְּדוֹלוֹת מִכָּל מַה שֶּׁשָּׁמַע כְּבָר"** – ס'וועט וואקסן, ס'וועט שפראצן ביי אים רמזים נפלאים און עצות גדולות פון אלעס וואס ער האט געהערט – **"אִם יִזְכֶּה לָשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לְכָל מַה שֶּׁשָּׁמַע כְּבָר"**.

**"וְסִפֵּר מַעֲשֶׂה מֵעִנְיָן זֶה** – דער הייליגער רבי האט דערציילט – **שֶׁכָּךְ אֵרַע אֵצֶל צַדִּיק אֶחָד מְפֻרְסָם, שֶׁהָיָה בְּבֵיתוֹ אִישׁ אֶחָד פָּשׁוּט לְגַמְרֵי שֶׁקּוֹרִין פְּרָאסְטִיק. וְהָיָה עוֹמֵד וּמְשַׁמֵּשׁ תָּמִיד אֶת הַצַּדִּיק הַנַּ"ל וְהָיָה שׁוֹמֵעַ דִּבּוּרִים הַרְבֵּה מִמֶּנּוּ, וְלֹא הֵבִין מֵהֶם שׁוּם עִנְיָן וְתוֹעֶלֶת כְּלָל, רַק שֶׁהָיְתָה לוֹ אֱמוּנָה גְּדוֹלָה בְּהַצַּדִּיק וּבְדְבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, אַף־עַל־פִּי שֶׁלֹּא הָיָה מְבִינָם לַאֲשׁוּרָם"**.

דאס איז די נקודה: אז אפילו ווען ער פארשטייט נאכנישט, האט ער אמונה אז ס'איז נישט פשוט. כאטש וואס ער פארשטייט נאכנישט וואס ס'איז, ווארפט ער עס נישט אוועק, נאר ער גלויבט אז דער צדיק און זיינע הייליגע רייד – דא ליגן באהאלטן גרויסע זאכן!

**"וְהָיָה עוֹמֵד וּמְשַׁמֵּשׁ תָּמִיד אֶת הַצַּדִּיק בֶּאֱמֶת"** – ער האט משמש געווען דעם צדיק באמת. וואס ער מיינט ארויסצוגעבן דא איז, אז ער האט געהאט א חיות אין דעם משמש זיין. אז ער האט געגלויבט אין דעם צדיק, האט ער געהאט א חיות צו משמש זיין דעם צדיק. ער האט געגלויבט אז אלעס וואס ער איז משמש און ער איז נאנט צום צדיק, דאס איז פאר אים א גרויסע טובה, און ער וועט האבן פון דעם א גרויסע תועלת, אפילו ער האט נישט געוואוסט וואס!

**"אַחַר־כָּךְ אַחַר שָׁנִים הַרְבֵּה נִסְתַּלֵּק הַצַּדִּיק לְעוֹלָמוֹ"** – ס'געדויערט, יארן האט עס געדויערט. כל ימי חייו פון דעם צדיק האט ער עס נישט געזען. נאכדעם איז נסתלק הצדיק לעולמו, **"וְאָז הִתְחִיל זֶה הָאִישׁ לִזְכֹּר, בְּכָל פַּעַם כְּשֶׁבָּא לְאֵיזֶה דָּבָר** - ווען ער איז אנגעקומען צו כל מיני זאכן - **נִזְכַּר בְּדִבְרֵי הַצַּדִּיק, וְאָמַר בְּנַפְשׁוֹ זֶהוּ שֶׁכִּוֵּן הַצַּדִּיק וְרָמַז לִי בִּדְבָרָיו אָז בְּאוֹתוֹ זְמַן פְּלוֹנִי.**

**וְכֵן בְּכָל פַּעַם וָפַעַם הֵבִין אַחַר־כָּךְ לְמַפְרֵעַ כַּוָּנַת הַצַּדִּיק וּרְמָזִים שֶׁרָמַז לוֹ בִּדְבָרָיו לִפְנֵי כַּמָּה שָׁנִים, וְהֵבִין הַדָּבָר".**

"**וְאַחַר־כָּךְ נַעֲשָׂה זֶה הָאִישׁ, אִישׁ כָּשֵׁר וִירֵא ה'**". ווייזט אויס אז ער איז פארדעם געווען ממש א פשוט'ער מענטש (אזוי ווי ס'שטייט פריער: "איש אחד פשוט לגמרי שקורין פראסטיק"), אבער ער האט געהאט די מעלה פון אמונת חכמים, אפילו ער האט נאכנישט געהאט דעם נאמען 'איש כשר וירא ה''. ער איז געווען א פשוט'ער מענטש, אבער דורך דעם וואס ער האט געהאט אמונת חכמים, איז ער געווארן א איש כשר וירא ה'.

"**וְהָיָה חָשׁוּב מְאֹד בְּעִירוֹ וְנַעֲשָׂה רֹאשׁ וּמַנְהִיג לְכָל הַכְּשֵׁרִים וְהַחֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲשֶׁר הָיוּ בְּעִיר הַצַּדִּיק הַנַּ"ל**" – אין די שטאט פון צדיק, וואו דארטן זענען געווען די מענטשן פון צדיק – "**וְכֻלָּם נִכְנְעוּ תַּחְתָּיו**", אלע זענען נכנע געווארן אונטער אים. די אמונת חכמים האט אזויפיל אויפגעטאן אין אים, אז ער האט באקומען א גרויסן מח.

## "האנשים הכשרים שבמדינת קיר"ה"

ממש אזוי ווי דער רבי דערציילט ביי די מעשה "**מחכם ותם**" – אז דער תם האט זיך געהאלטן אין תמימות, איז ער צום סוף געווארן א גרויסער בעל מח. "מזל מחכים" – ער האט פארשטאנען, ער האט געוואוסט, און ער האט געזעהן דעם מלך פנים אל פנים! ער האט געוואוסט פון דעם בעל־שם, און ער האט פון אלעס געוואוסט.

אזוי זאגט רבי נתן אויך אין **הלכות שבת הלכה ו'**[א], ווען ער רעדט דארטן פון די חכמות חיצוניות, זאגט ער: אז ס'איז געווען אסאך ערליכע אידן וואס

**א.** ראה שם באות ח': וּבֶאֱמֶת אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים שֶׁיָּגְעוּ וְטָרְחוּ הַרְבֵּה בֶּאֱמֶת בִּשְׁבִיל הַתַּכְלִית וּפֵרְשׁוּ אֶת עַצְמָם מֵהָעוֹלָם-הַזֶּה לְגַמְרֵי, **זָכוּ אַחַר-כָּךְ לְהַשִּׂיג גַּם חָכְמָתָם עַל בּוּרְיָהּ, כְּמוֹ שֶׁרָאִינוּ בְּכַמָּה צַדִּיקִים שֶׁהָיוּ בְּקִיאִים בְּכָל הַשִּׁבְעָה חָכְמוֹת יוֹתֵר מֵהֶם הַרְבֵּה**, רַק אֲנָשִׁים

האבן צום סוף זוכה געווען; זיי האבן געקענט אלע חכמות. - אבער זיי האבן נישט געקומען דערצו ווייל זיי האבן געגאנגען לערנען חכמות - פארקערט, זיי האבן געדינט דעם אויבערשטן בתמימות, און צום סוף האט די תמימות זיי געברענגט אז זיי זענען צו געקומען צו גרויסע חכמות. **אדרבה, די תמימות, דאס ברענגט צו, צו גרויסע חכמות.**

אזוי איז דא די מעשה וואס דער רבי האט דערציילט פאר רבי נתן'ען, ווען ער איז געקומען צו אים דעם ערשטן מאל.

פריער שטייט דארטן אין "אבניה ברזל"[ב], אז ווען זיי זענען געקומען אין שטאט (ברסלב) דארטן: "**וַיִּסְעוּ יַחְדָּו וּבָאוּ לְבֵית רַבִּי בֶּערִיל דוּבְרִישִׁיס**" – רבי נתן מיט רבי נפתלי, מיט נאך אפאר. זיי זענען אריינגעקומען ביי די שטוב פון ר' בערל דובריטשעס – "**וַיִּרְאוּ אֶת בֵּית ר' בֶּערִיל דוּבְרִישִׁיס**" – און זיי האבן געזעהן – "**שֶׁהוּא מָלֵא מַעֲשִׂיּוֹת וּמוֹפְתִים מֵרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל**".

"**וְסִפֵּר מוֹהֲרַנַ"ת בְּזֶה הַלָּשׁוֹן**" – רבי נתן אליין פלעגט עס דערציילן: "**הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז שׁוֹין פוּל מִיט דֶעם רֶעבִּין!**". ס'איז א אינטערעסאנטע זאך: וויפל צייט איז דער רבי געווען אין ברסלב? אביסל צייט פריער, און די שטוב איז שוין געווען פול מיטן רבי'ן! זיי זענען געווען אזעלכע מענטשן מיט אזא אמונת חכמים. דער רבי איז נאר אריינגעקומען

---

פְּשׁוּטִים אָסוּר לָהֶם לַעֲסֹק בָּהֶם, כִּי יֵשׁ בָּהֶם אַבְנֵי נֶגֶף, וְגַם אֲפִלּוּ אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים הֵם חֲכָמִים יוֹתֵר מֵהֶם, מֵאַחַר שֶׁהֵם הוֹלְכִים בְּדַרְכֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה הֵם עוֹבְרִים וְעוֹלִים עַל כָּל הַחָכְמוֹת (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּהַתּוֹרָה בֹּא אֶל פַּרְעֹה סִימָן ס"ד). אֲבָל הַצַּדִּיקִים הַקְּדוֹשִׁים הַגְּדוֹלִים בְּמַעֲלָה בְּקִיאִין גַּם בְּכָל הַחָכְמוֹת יוֹתֵר מֵהֶם הַרְבֵּה וכו'.

**ב.** וזל"ש באות ו': וְהָלְכוּ הָר' נָתָן וְהָר' נַפְתָּלִי לַשּׁוּק לִשְׂכֹּר עֲגָלָה לִבְרַסְלֶב וּפָגְעוּ בְּר' לֵיבּוּשׁ שֶׁרָצָה לִסַּע לְאֵיזֶה מָקוֹם גַּם־כֵּן דֶּרֶךְ בְּרַסְלֶב. וַיֹּאמֶר לָהֶם שֶׁגַּם הוּא יִסַּע עִמָּהֶם לְרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל. וַיִּסְעוּ יַחְדָּו וּבָאוּ לְבֵית רַבִּי בֶּערִיל דוּבְרִישִׁיס. וַיִּרְאוּ אֶת בֵּית ר' בֶּערִיל דוּבְרִישִׁיס שֶׁהוּא מָלֵא מַעֲשִׂיּוֹת וּמוֹפְתִים מֵרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל. וְסִפֵּר מוֹהֲרַנַ"ת בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז שׁוֹין פוּל מִיט דֶעם רֶעבִּין (רָאִיתִי שֶׁהַבַּיִת הָיָה כְּבָר 'מָלֵא' מֵרַבֵּנוּ). וְאַחַר־כָּךְ נִכְנְסוּ לְרַבֵּנוּ זַצַ"ל וכו' וְאָז סִפֵּר רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל שְׁלֹשָׁה מַעֲשִׂיּוֹת.

אין שטאט, און שוין האבן זיי זיך אלעס איבערגעגעבן פארן רבי'ן. שוין איז די שטאט פול געווארן מיטן רבי'ן[ג].

מענטשן האבן געהאט אמונת חכמים! דער רבי זאגט[ד], אז די "**אנשים הכשרים שבמדינת קיר"ה**" – ס'איז דא תמימות. וואו ס'איז דא תמימות, איז עס עפעס אנדערע סארט מענטשן! דער צדיק איז מלא מופתים! די מענטשן וואס האבן תמימות, האבן אנדערע אויגן. זיי זעהען עפעס אנדערש. מיט זייערע אויגן זעהען זיי אנדערש זאכן!

דערציילט ער ווייטער: "**וְאַחַר־כָּךְ נִכְנְסוּ לְרַבֵּנוּ זַצַ"ל**" – נאכדעם, ווען זיי זענען אריינגעקומען צום רבי'ן – "**וְאָז סִפֵּר רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל שְׁלֹשָׁה מַעֲשִׂיּוֹת**".

## די ערשטע מעשה וואס דער רבי האט דערציילט ר' נתן

"[ה]**מַעֲשֶׂה רִאשׁוֹן מֵהָרַב מוֹרֵנוּ הָרַב מָרְדְּכַי מִנֶּעסְכִיז, שֶׁפַּעַם אַחַת בָּא אֵלָיו אֶחָד מֵאֲנָשָׁיו וְהִתְנַצֵּל לְפָנָיו בְּעִנְיַן פַּרְנָסָה וּמָעוֹת דִּירָה וְכוּ'**" – איינער האט זיך פארענטפערט פארן רבי'ן אז ס'גייט אים נישט די פרנסה, און ער דארף צאלן דירה-געלט.

---

**ג.** ראה באריכות ברוחא דחיי קונטרס ד' (עמ' י"ט) ובקונטרס ט"ו (עמ' י).

**ד.** ליקוטי מוהר"ן תורה קפ"ו: **מַה שֶּׁמְּסַפְּרִין מוֹפְתִים מֵהַצַּדִּיקִים שֶׁבִּמְדִינוֹת קִיר"ה (דְּוִין) הוּא מֵחֲמַת שֶׁאַנְשֵׁיהֶם הֵם אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים וּמַאֲמִינִים בְּהַצַּדִּיקִים** כִּי עַל יְדֵי אֱמוּנָה שֶׁהֵם מַאֲמִינִים בְּדִבְרֵי הַצַּדִּיק עַל יְדֵי זֶה נִתְגַּלִּין מוֹפְתִים כִּי בֶּאֱמֶת הַצַּדִּיק בְּוַדַּאי מָלֵא מוֹפְתִים וּכְשֶׁהוּא מַאֲמִין בְּהַצַּדִּיק וְנוֹתֵן עֵינָיו וְלִבּוֹ עַל דִּבְרֵי הַצַּדִּיק עַל כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר, כִּי מַאֲמִין שֶׁכָּל דְּבָרָיו אֱמֶת וָצֶדֶק, וּבְכַוָּנָה מְכֻוֶּנֶת אֲזַי אַחַר כָּךְ, כְּשֶׁבָּא לְבֵיתוֹ, כָּל מַה שֶּׁיֶּאֱרַע אוֹתוֹ הוּא מִסְתַּכֵּל הֵיטֵב עַל כָּל דָּבָר שֶׁיֶּאֱרַע לוֹ וּמֵבִין לְמַפְרֵעַ בְּדִבְרֵי הַצַּדִּיק שֶׁדִּבֵּר עִמּוֹ בִּהְיוֹתוֹ אֶצְלוֹ שֶׁזֶּה הָיְתָה כַּוָּנַת הַצַּדִּיק שֶׁרָמַז לוֹ בְּתוֹךְ דְּבָרִים שֶׁדִּבֵּר עִמּוֹ וְכֵן כָּל דָּבָר וְדָבָר שֶׁיִּזְדַּמֵּן לוֹ הוּא מוֹצֵא הַכֹּל בְּדִבְרֵי הַצַּדִּיק לְמַפְרֵעַ, שֶׁרָמַז לוֹ שֶׁיִּהְיֶה כֵּן נִמְצָא שֶׁנַּעֲשֶׂה וְנִתְגַּלֶּה הַמּוֹפְתִים עַל יְדֵי זֶה.

**ה.** שם באבניה ברזל אות ו'. וראה גם בשיש"ק חלק ב, אות נ"א.

**"וְאָמַר לוֹ הָרַב הַנַּ"ל"** – האט אים רבי מרדכי'לע געזאגט: **"אֲנִי רוֹצֶה שֶׁכָּל הַבַּיִת שֶׁאַתָּה דָּר בָּהּ יְהֵא שֶׁלְּךָ"** – די גאנצע שטוב זאל זיין דיינע!

**"וְהָאִישׁ הַנַּ"ל הָיָה בְּדִירָה גְּדוֹלָה שֶׁדָּרוּ עִמּוֹ שְׁכֵנִים הַרְבֵּה"** – ס'איז געווען א גרויסער בנין, און כמה וכמה שכנים האבן געוואוינט דארטן. **"וְגַם אַכְסַנְיָא הָיָה שָׁם"** – א אכסניה איז אויך געווען דארטן פאר עוברי־אורח.

**"וּכְשֶׁנִּכְנַס הָאִישׁ לְבֵיתוֹ, וְאַחַר־כָּךְ מֵת הַבַּעַל־הַבַּיִת וְנָפַל בִּירֻשָּׁה לְהַיּוֹרְשִׁים, וְנָפַל הַבַּיִת מֵהַצְלָחָתוֹ"** – נאכדעם איז דער בעל הבית געשטארבן. די דירה איז געפאלן ירושה צו די יורשים, און די שטוב איז געפאלן פון איר הצלחה.

**"כִּי (עֶס הָאהְט זִיךְ אַרַיין גֶעהַאפְּט דִּי נִיט גִיטֶס) הָיָה שָׁם רוּחוֹת וְכוּ'"** – די נישט-גוטע האבן זיך ארייגעכאפט – **"וּמֵתוּ בָּהּ כַּמָּה אֲנָשִׁים שֶׁקָּנוּ הַבַּיִת הַנַּ"ל, וְנַעֲשָׂה מִזֶּה שֵׁם רַע עַל הַדִּירָה, וְעַל־כֵּן פָּסְקוּ מִמֶּנָּה הָעוֹבְרֵי דְּרָכִים לְאַכְסַנְיָא"**.

מ'האט נישט געוואלט דארטן אריינגיין. די אכסניה האט פארלוירן די גאנצע פרנסה. **"וְגַם הַשְּׁכֵנִים יָצְאוּ וְעָשׂוּ הַכְרָזָה לְמָכְרָהּ, וְלֹא הָיָה עָלֶיהָ שׁוּם קוֹנֶה מֵחֲמַת הַשֵּׁם־רַע, וְעַל־כֵּן בְּכָל פַּעַם פִּחֲתוּ מִמְּחִירָהּ עַד שֶׁעָלָה מְחִירָהּ מְעַט מָעוֹת"**.

אין יענע מינוט האט ער זיך געכאפט, אז ווען ער האט זיך אפגערעדט פארן רבי'ן דארטן, האט אים דער רבי געזאגט אז די גאנצע שטוב דארף זיין דיינע. בשעת מעשה האט דאס אויסגעזען כאילו; א איד קלאגט זיך – ער האט נישט צו באצאלן דירה-געלט – און מ'זאגט אים אז די גאנצע שטוב דארף זיין דיינע... די גאנצע בנין וואלט געדארפט זיין דיינע?! ס'האט אויסגעזען ווי א הפלגה!

אבער, יעצט האט ער געכאפט – **"וְאָז נִכְנַס בְּלֵב הָאִישׁ הַנַּ"ל דִּבְרֵי רַבּוֹ מִנֶּעסְכִּיז זַ"ל הַנַּ"ל** - אז די גאנצע שטוב וועט זיין זיינע – **"וְהָלַךְ וְקָנָה אוֹתָהּ, וּמֵאָז הִתְחִיל לַחֲזֹר הַהַצְלָחָה שֶׁל כָּל הַבַּיִת וְהִתְחִילוּ לַעֲבֹר בָּהּ עוֹבְרֵי דְּרָכִים הַרְבֵּה וְנַעֲשָׂה עָשִׁיר!"**.

איז ער ממשיך: "**וְאַחַר־כָּךְ נָסַע לְרַבּוֹ הַנַּ"ל. כְּשֶׁרָצָה שׁוּב לִנְסֹעַ לְבֵיתוֹ, נִכְנַס לִטֹּל רְשׁוּת מֵרַבּוֹ לִסַּע לְבֵיתוֹ**" – ער איז אריינגעגאנגען זיך געזעגענען. ער האט געדארפט אהיים פארן, איז ער אריין געגאנגען זיך געזעגענען ביי זיין רבי'ן.

"**וְהֵבִין מִתְּנוּעוֹתָיו**" – ער האט באמערקט פון די תנועות, "**שֶׁאֵינוֹ נוֹתֵן לוֹ רְשׁוּת בְּלֵב שָׁלֵם כְּמוֹ שֶׁהָיָה רָגִיל תָּמִיד**" – אז ס'איז נישט אינגאנצן אזוי ווי געווענליך. די תנועות האבן געוויזן אז **די גאנצע זיך־געזעגענען** איז נישט **אזוי ווי ער איז געווען איינגעוואוינט**. "**וַיִּירָא לִסַּע**" – האט ער מורא געהאט צו אהיים פארן.

"**וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים שֶׁבְּכָל פַּעַם שֶׁנִּכְנַס לִטֹּל רְשׁוּת וְכוּ'**" – האט זיך דאס איבערגע'חזר'ט – **כַּנַּ"ל. וְעַל־כֵּן נִתְמַהְמַהּ שָׁם שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנִים**" – דרייצן יאר האט ער זיך פארזאמט און אפגעהאלטן ביים רבי'ן.

"**וְאָמַר רַבֵּנוּ זַ"ל שֶׁכְּשֶׁהָיָה שָׁם בְּעֵת שֶׁחָזַר מֵאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**"[ז] – ווען דער רבי האט זיך אומגעקערט פון ארץ ישראל, און איז געווען ביי רבי מרדכי'לע נשכיזער פאר די הסתלקות – **עוֹד מָצָא שָׁם הָאִישׁ הַנַּ"ל**" – האט ער נאך געטראפן דעם אידן. "**וְהַפַּחַד הָיָה שֶׁלֹּא יָמוּת כְּמוֹ שֶׁמֵּתוּ הַבַּעֲלֵי בַּיִת הַקּוֹדְמִים**" (פון די 'רוחות' און די נישט-גוטע...).

"**וְאַחַר הַחֲמִשָּׁה יָמִים שֶׁהָיָה שָׁם רַבֵּנוּ זַ"ל וְנִפְטַר הָרַב הַנַּ"ל**" – נאך פינף טעג וואס דער רבי איז געווען דארטן, איז רבי מרדכי'לע נסתלק געווארן. "**וְנָסַע לְבֵיתוֹ**" – איז יענער חסיד אהיים געפארן. "**וְנִפְטַר תֵּכֶף**" – און גלייך איז ער נפטר געווארן.

"**וּבְזֶה הַמַּעֲשֶׂה רִמֵּז לָהֶם רַבֵּנוּ זַ"ל שֶׁיִּתְּנוּ מְאֹד אֶת לִבָּם לְכָל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁיּוֹצֵא מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ אֲפִלּוּ בְּמִלֵּי דְעָלְמָא (וַאֲפִלּוּ עַל תְּנוּעוֹתָיו), וּלְבַל יְדַמּוּ**

---

**ז.** כמסופר באריכות בחיי מוהר"ן קי"ג.

**בְּנַפְשָׁם שֶׁעַל־פִּי פָּשׁוּט הוּא מְדַבֵּר אֶת דְּבָרָיו חָלִילָה**" – מ'זאל נישט מיינען אז ער רעדט פשוט, נאר גוט משים לב זיין צו יעדן דיבור!

עס קען זיין אז יענער איד האט געדארפט פארשטיין, אז אפילו נאך די הסתלקות האט ער נישט געדארפט זיך יאגן און מיינען אז דאס איז דאס... ס'קען זיין אזוי ווי ער זאגט פריער דא, ביי די מעשה וואס דער רבי דערציילט[ז] פון יענעם (משמש פון רבי מרדכי'לע), אז יענער האט אנגעהויבן האבן דעם עיקר תועלת נאך די הסתלקות. אז נאך די הסתלקות פון זיין רבי'ן האט ער אנגעהויבן פארשטיין וואס דער רבי זאגט אים.

קען זיין אז דער מענטש (האט געמיינט:) ס'האט זיך געענדיגט – דער צדיק איז נסתלק געווארן, איז געענדיגט. אזוי ווי כדרכם פון אסאך... האט דער רבי מרמז געווען, אז ער האט זיך נישט געדארפט יאגן, ער האט זיך נישט געדארפט יאגן! אז זיין רבי (רבי מרדכי'לע נעשכיז'ער) האט אים מרמז געווען, האט ער געדארפט משים לב זיין: וואס? וואס זאגט אים דער רבי? וואס האט דער רבי געוואלט פון אים?

און אפשר איז דא דא עפעס א גרעסערער רמז – אז וואס האט דער רבי געוואלט פון אים? ער זאל זיין א יהושע בן נון, "**נַעַר לֹא יָמוּשׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל**". האט ער געדארפט פארשטיין דעם אנדערן פשט וואס רבי נתן זאגט (אין הל' חזקת מטלטלים הלכה ה' [ח]). ער האט געדארפט פארשטיין אז אפילו מ'פארט אהיים,

---

**ז.** בחיי מוהר"ן תקמ"ד.

**ח.** אות ט"ו: וְזֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל (סוכה לא:): 'פְּרִי עֵץ הָדָר - זֶה אֶתְרוֹג הַדָּר בְּאִילָנוֹ מִשָּׁנָה לְשָׁנָה', זֶה בְּחִינַת הַתַּלְמִידִים הַכְּשֵׁרִים שֶׁהֵם בִּבְחִינַת יְהוֹשֻׁעַ, בְּחִינַת (שמות לג): "וִיהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן נַעַר לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל", וְלִכְאוֹרָה אֵינוֹ מוּבָן, כִּי הֲלֹא הָיָה צָרִיךְ לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלַעֲשׂוֹת צָרְכֵי הַגּוּף בְּוַדַּאי, מִכָּל שֶׁכֵּן בְּדוֹרוֹת אֵלּוּ אֵיךְ אֶפְשָׁר לְקַיֵּם זֹאת, וַהֲלֹא הַתּוֹרָה הִיא בְּכָל אָדָם וּבְכָל זְמַן. אַךְ עַל־יְדֵי אֱמוּנַת חֲכָמִים בַּבְּחִינָה הַנַּ"ל, שֶׁמַּאֲמִין שֶׁכָּל דִּבְרֵי רַבּוֹ וּמַעֲשָׂיו הֵם מְלֵאִים רָזִין, עַל־יְדֵי־זֶה אֲפִילּוּ בְּעֵת שֶׁאֵינוֹ אֵצֶל רַבּוֹ אֵינוֹ מָשׁ מִתּוֹךְ אָהֳלוֹ, וְהוּא תָּמִיד בִּבְחִינַת "לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל". וְזֶה בְּחִינַת אֶתְרוֹג הַדָּר בְּאִילָנוֹ מִשָּׁנָה לְשָׁנָה, שֶׁדָּר בְּאִילָנוֹ, שֶׁהוּא בְּחִינַת רַבּוֹ, בְּחִינַת 'אִילָנָא רַבָּא וְיַקִּירָא', שֶׁמִּשָּׁם כָּל גִּדּוּלוֹ וּצְמִיחָתוֹ, הוּא דָּר בּוֹ תָּמִיד מִשָּׁנָה לְשָׁנָה, בְּחִינַת "לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל" הַנַּ"ל, וְכָל זֶה עַל־יְדֵי אֱמוּנַת חֲכָמִים הַנַּ"ל, שֶׁיּוֹדֵעַ וּמַאֲמִין שֶׁכָּל דְּבָרָיו וּתְנוּעוֹתָיו הֵם

דארף מען אויך וויסן צו בלייבן צוגעבונדן. ווען ער וואלט געווען צוגעבונדן פארנדיג אהיים [אזוי ווי רבי נתן זאגט] – וואלט ער מיט דעם מקיים געווען דעם בלייבן ביים שטוב פון צדיק (און ער וואלט געבליבן לעבן). שוין... אבער דאס איז בדרך אפשר.

## רבי נתן האט פארשטאנען די רמזים...

על כל פנים, דער רבי האט אים געלערנט (פאר רבי נתן) דא א לימוד: אז מ'דארף נאכקוקן די רמזים פון דעם צדיק, און אפילו נאך די הסתלקות. און אדרבה, דער רבי דערציילט דא די מעשה. רבי נתן ברענגט די מעשה פון חיי מוהר"ן. דארטן אין ליקוטי הלכות (חזקת מטלטלין ה') ברענגט [ט] ער עס אויך אראפ, אז דער צדיק האט מרמז געווען, און ער האט עס נאכגעקוקט, און מיט דעם האט ער זוכה געווען צו נתעלה ווערן.

נישט נאר אז ער האט פארשטאנען סתם רמזים, נאר ער האט געטראפן אין דעם עצות נפלאות און וועגן מיט זאכן, וואס ער האט געהאט א פולע הדרכה פון דעם. אלעס פון דעם וואס ער האט נאכגעקוקט און געהאט אמונה אין זיין רבי'ן, האט ער געהאט הדרכה פון זיין רבי'ן אחר הסתלקותו.

און דאס טאקע זעהט מען ביי רבי נתן'ען. רבי נתן האט פארשטאנען אז אלעס וואס דער רבי האט גערעדט, דאס איז אלעס רמזים, רמזים, רמזים... רבי נתן שרייבט [י], אז נאך דעם רבי'נס הסתלקות האבן מיר אנגעהויבן

---

מְלֵאִים רָזִין, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה בְּכָל מַה שֶּׁמִּתְנַהֵג עִמּוֹ מוֹצֵא בּוֹ דִּבְרֵי רַבּוֹ וּרְמָזָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (ליקו"מ סימן קפ"ו) עַל עִנְיַן הַחֲסִידִים הַכְּשֵׁרִים שֶׁבִּמְדִינוֹת קִירָ"ה, עַיֵּן שָׁם. **וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב מִזֶּה בְּסֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן בְּהַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַצַּדִּיק רַבִּי מָרְדְּכַי זַצַ"ל**, וְעַל־יְדֵי־זֶה הוּא תָּמִיד מְקֻשָּׁר לְרַבּוֹ, בִּבְחִינַת 'הַדָּר בְּאִילָנוֹ מִשָּׁנָה לְשָׁנָה'.

**ט.** אות ט"ו הנ"ל.

**י.** ראה בימי מוהרנ"ת ס"ז: עַתָּה נָאֶה לִי לְסַפֵּר כָּל מַה שֶּׁעָבַר עָלַי מִיּוֹם שֶׁנִּסְתַּלֵּק בְּשָׁלוֹם: וְהִנֵּה אַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ הֻכְרַחְתִּי לְהִתְעַכֵּב בְּאוּמֶין כְּדֵי לְסַדֵּר חֲלֻקַּת הָעִזָּבוֹן בֵּין יוֹרְשָׁיו **וְתֵכֶף אַחַר**

פארשטיין, אז **אלעס וואס דער רבי האט גערעדט איז אלעס רמזים וואס דער רבי האט אונז געגעבן אויף ווייטער, ווי זיך צו פירן.**

פון דעם האט רבי נתן גע׳האט די שטארקייט צו וויסן, אנטקעגן די גאנצע וועלט, צו וויסן אז דעם רבי׳נס זאך איז ממשיך ווייטער. ער איז געשטאנען ממש קעגן די גאנצע וועלט, און ער האט איבערגעלאזט אזא זאך... לדורות עולם האט ער איבערגעלאזט דעם רבי׳נס השארה! אלעס פון דעם וואס ער

---

**הִסְתַּלְּקוּתוֹ הִתְחַלְתִּי לַחְשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת מַה לַּעֲשׂוֹת עַתָּה** וְשָׁלַח הַשֵּׁם בְּלִבִּי שֶׁצְּרִיכִין לְהִשְׁתַּדֵּל לְהַדְפִּיס שְׁאָר הַקּוּנְטְרֵסִים מִתּוֹרוֹתָיו שֶׁכָּתַבְתִּי אַחַר שֶׁנִּשְׁלַם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הָרִאשׁוֹן, שֶׁהֵם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תִּנְיָנָא וְתֵכֶף נִזְכַּרְתִּי בְּדִבּוּרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁבְּשָׁנָה אֶשְׁתָּקַד בְּעֵת שֶׁעָסַקְתִּי בִּכְתִיבַת הַתּוֹרָה תִּקְעוּ אֱמוּנָה (לִקּוּטֵי תִּנְיָנָא ה') רָמַז לִי בִּדְבָרָיו שֶׁיִּהְיֶה נִדְפַּס גַּם הַתִּנְיָנָא וְכֵן עוֹד כַּמָּה רְמָזִים מִדְּבָרָיו וְעַל יְדֵי זֶה נִתְחַזַּקְתִּי בְּיוֹתֵר לַעֲסֹק בָּזֶה גַּם נִתְחַזַּקְתִּי תֵּכֶף שֶׁאֲנַחְנוּ צְרִיכִים לְהִתְקַבֵּץ יַחַד עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּאוֹמֶן כְּמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתוֹ וְהָיוּ לִי עַל-זֶה כַּמָּה רְאָיוֹת מְבֹאָרוֹת מִדִּבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים כִּי דַּרְכּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָיָה נִפְלָא וְנוֹרָא מְאֹד בִּפְרָט בְּעִנְיַן צַוָּאָתוֹ עָלֵינוּ אֵיךְ לְהִתְנַהֵג אַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ כִּי סָמוּךְ לְהִסְתַּלְּקוּתוֹ מַמָּשׁ לֹא שָׁמַעְנוּ מִמֶּנּוּ כִּי-אִם דִּבּוּרִים מוּעָטִים וּקְצָת מֵהֶם נִרְשְׁמוּ לְמַעְלָה וְלֹא צִוָּה לָנוּ אָז שׁוּם הַנְהָגָה אֵיךְ לְהִתְנַהֵג אַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ **אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין שׁוּם דָּבָר בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא סִדֵּר לָנוּ יָפֶה וְלֹא צִוָּה לָנוּ כָּרָאוּי** כִּי בֶּאֱמֶת בְּכָל הַדִּבּוּרִים שֶׁדִּבֵּר עִמָּנוּ מִקֹּדֶם כָּל הַיָּמִים שֶׁזָּכִינוּ לַעֲמֹד לְפָנָיו, בְּכֻלָּם לִמֵּד אוֹתָנוּ אֵיךְ לְהִתְנַהֵג תָּמִיד כָּל יְמֵי חַיֵּינוּ, בְּחַיָּיו וּלְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ וּבִפְרָט כָּל הַדִּבּוּרִים וְהַשִּׂיחוֹת וְהַתּוֹרוֹת וְהַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁשָּׁמַעְנוּ מִמֶּנּוּ מִיּוֹם שֶׁבָּא מִלֶּמְבֶּרְג, שֶׁכֻּלָּם הָיוּ צַוָּאוֹת אֵיךְ לְהִתְנַהֵג תָּמִיד **רַק שֶׁבְּחַיָּיו הָיוּ כַּמָּה דִּבּוּרִים שֶׁלֹּא הֵבַנְתִּי הֵיטֵב עַד הֵיכָן הֵם מַגִּיעִים, אֲבָל דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים הֵם חַיִּים וְקַיָּמִים לָעַד וְהֵם מַיִם נוֹבְעִים מַיִם עֲמֻקִּים עֵצָה בְּלֶב אִישׁ וְהֵם טְמוּנִים בְּלִבִּי, וּבְכָל פַּעַם הֵם נוֹבְעִים מַיִם חַיִּים וּמְלַמְּדִים אוֹתָנוּ וּמַזְכִּירִים אוֹתָנוּ אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בְּכָל הָעִנְיָנִים וַאֲנִי מֵבִין בְּכָל פַּעַם לְמַפְרֵעַ מִדְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים אֵיךְ לְהִתְנַהֵג** וּבִפְרָט שֶׁהַרְבֵּה דְּבָרִים שֶׁאָמַר בְּפֵרוּשׁ לִפְנֵי כַּמָּה אֲנָשִׁים רַק לֹא שָׂמוּ לָהֶם לֵב אָז, רַק אַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ הֵבִינוּ וְרָאוּ הַכֹּל שֶׁצִּוָּה לָנוּ בְּפֵרוּשׁ עַל אֵלּוּ הַדְּבָרִים, וְכָל זֶה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר הֵיטֵב בִּכְתָב.

**וּכְבָר סִפֵּר לִי מַעֲשֶׂה מֵעִנְיָן כָּזֶה** מִצַּדִּיק גָּדוֹל שֶׁהָיָה מְדַבֵּר עִם תַּלְמִידוֹ כַּמָּה דְּבָרִים שֶׁבְּשָׁעָה שֶׁסִּפְּרָם לֹא הֵבִין כְּלָל מַה כִּוֵּן בָּהֶם וְאַחַר שֶׁנִּסְתַּלֵּק אוֹתוֹ הַצַּדִּיק אָז הִתְחִיל תַּלְמִידוֹ לְהָבִין לְמַפְרֵעַ בְּכָל פַּעַם זֶה כִּוֵּן רַבּוֹ הַצַּדִּיק, וְכָל מַה שֶּׁאֵרַע לוֹ וְעָבַר עָלָיו בְּכֻלָּם נִזְכַּר בְּדִבְרֵי רַבּוֹ וּמָצָא הַכֹּל לְמַפְרֵעַ בְּדִבְרֵי רַבּוֹ **וְגַם זֹאת הַמַּעֲשֶׂה שֶׁסִּפֵּר לִי חִזֵּק אוֹתִי הַרְבֵּה לָשׂוּם לֵב לְכָל הַדְּבָרִים שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִמֶּנּוּ בְּחַיָּיו**, וְעַל יְדֵי זֶה עֲזָרַנִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְנִתְחַזַּקְתִּי בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁהָיִיתִי צָרִיךְ לַעֲסֹק בָּהֶם.

האט פארשטאנען פון די רמזים פון רבי'ן, **ער האט דערהערט פון יעדער דיבור פון רבי'ן אז ס'איז לשעה ולדורות!**

ס'איז דא עפעס א שמועס פון **ר' לוי יצחק**[יא] (בנדר), אז דאס איז געווען דער חילוק צווישן רבי נתן און די אנדערע תלמידים. די אנדערע תלמידים האבן אויך געגלויבט שטארק אין רבי'ן, אבער דערהערן אזוי ווייט, אז דער ענין פון רבי'ן איז אינגאנצן געגעבן געווארן לדורות – דאס האבן זיי נישט דערהערט אזוי ווי רבי נתן.

רבי נתן האט דערהערט אז די גאנצע זאך פון רבי'ן איז לדורות! און אזוי האט רבי נתן געפירט זיינע מענטשן. ער האט געהאט דיבורים פאר זיי, ווייל אלע זיינע דיבורים צו די מענטשן זענען געווען לדורות. די דיבורים האבן געלעבט ביי אים לדורות. **אלע דיבורים פון רבי'ן איז געווען לדורות.**

ער האט געקענט מיט דעם מדריך זיין, ער האט געקענט רעדן, ער האט געהאט וואס צו רעדן... ווייל די דיבורים זענען געווען לעבעדיגע דיבורים! עס זענען געווען דיבורים פון רוח הקודש! דערפאר האט ער געקענט מדריך זיין מיט דעם, און ער האט געקענט רעדן לעבעדיגע דיבורים צו מענטשן.

---

**יא.** ראה טעם זקנים קונטרס ג' (עמ' 11): ביים רבי'ן איז אסאך תלמידים געווען, יעדער איינער האט געהאלטן פונעם רבי'ן, און מען האט געפונען דעם סוד! אבער עס איז ווידער געווען א סוד, עס איז ווייטער געווען א סוד! אבער דאס וואס רבי נתן האט געוואוסט פונעם רבי'ן - דאס האט קיינער נישט געוואוסט! **דער עיקר איז געווען וואס ר' נתן'ס ידיעה איז געווען מער פון אלע - ר' נתן האט געוואוסט אז דער רבי'נס זאך איז א 'נצחיות', און אז ס'איז אויף אייביג, עס הערט נישט אויף - דעם 'רעיון'!**

**דערפאר טאקע, די גאנצע 'השארה' איז דורך ר' נתן'ען, דעם רעיון אז דעם רבי'נס זאך איז א נצחיות - עס הערט נישט אויף, דעם רעיון האט דער אויבערשטער געהאלפן ר' נתן'ען, ער האט דאס געפונען ביים רבי'ן!** דערפאר האלט זיך עס, ווען נישט - וואס וואלטן מיר געטאן דא?! עס איז געווען אסאך צדיקים - מיט הייליגע ספרים! אבער אז דער רבי'נס זאך איז 'נצחיות' - **דאס האט נאר ר' נתן געוואוסט מער פון אלע!**

דערפאר טאקע האט ער געהאט אויף זיך אזויפיל קריגעריי, רח"ל, מען האט מבזה געווען ר' נתן'ען, אלס דערפאר! ווארום די גאנצע איז ער - די גאנצע איז ר' נתן!

ס'איז ארויסגעקומען פון דעם עצות נפלאות. אזוי איז דער לשון אין חיי מוהר"ן: "**רמזים נפלאים ועצות גדולות**" – גרויסע זאכן זענען ארויסגעקומען פון דעם.

## די גאנצע בריאה איז רזין-דרזין...

על כל פנים, זעהט מען ארויס פון דעם די זאך וואס דער רבי לערנט אונז דא. דער רבי לערנט אונז דא א געוואלדיגן יסוד, וואס סיי אין **תורה קפ"ו**[יב] און סיי אין **תורה מ"ב**, איןביידע פלעצער רעדט דער רבי ארום די זאך, און רבי נתן (אין הל' חזקת מטלטלין ה' [יג]) שטעלט דאס אלעס צוזאמען מיט דעם שיחה אין חיי מוהר"ן (תקמ"ד).

רבי נתן רעדט דארטן א לאנגע הלכה; ער רעדט דארטן ארום, אז דאס איז דער המתקה פון ראש השנה. די גאנצע עבודה פון תשרי איז צו ממתיק זיין די דינים, מיט דעם וואס מ'ווייסט אז די גאנצע וועלט איז "רזין", און ס'איז נישט על פי פשוטו, ס'איז נישט על פי חכמות הטבע[יד] - דאס איז די המתקה פון אלע דינים. און דאס איז טאקע דאס וואס מיר בעטן אויס ראש השנה.

**יב.** מענין הצדיקים שבמדינות קיר"ה וכו' (מובא לעיל בהערות).

**יג.** המיוסדת על תורה מ"ב.

**יד.** ראה שם באות ב: כִּי בֶּאֱמֶת כָּל הָעוֹלָם וּמְלוֹאוֹ מְלֵאָה רָזִין וְסוֹדוֹת נוֹרָאוֹת וְנִשְׂגָּבוֹת מְאֹד, וַאֲפִילּוּ מִי שֶׁאֵינוֹ צַדִּיק רַק הוּא בַּר דַּעַת אֲמִתִּי וּמַאֲמִין בְּהָאֱמֶת יוּכַל לְהָבִין מֵרָחוֹק נִפְלְאוֹת הַבּוֹרֵא וְנוֹרְאוֹתָיו שֶׁהֵם מְלֵאִים כָּל הָעוֹלָם, כִּי בְּכָל הַבְּרִיאָה בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת וּבְכָל מַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה בְּכָל יוֹם בְּכֻלָּם יֵשׁ חָכְמָה עֲמֻקָּה וְנִפְלָאָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ" וְכוּ', דְּהַיְנוּ חָכְמַת הַתּוֹרָה שֶׁהִיא עִקַּר הַחָכְמָה, נִמְצָא שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר חָכְמוֹת הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, וְהַתּוֹרָה מְלֵאָה רָזִין וְרָזִין דְּרָזִין עַד אֵין קֵץ וְהִיא מְלֻבֶּשֶׁת בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם, עַל־כֵּן בְּוַדַּאי בְּכָל דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם בִּכְלָל וּבִפְרָט יֵשׁ בָּהֶם רָזִין נִשְׂגָּבִין מְאֹד מְאֹד, וְעַל זֶה הִתְפַּלֵּא דָּוִד וְאָמַר "מַה גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ ה', מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבֹתֶיךָ", וּכְתִיב "מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ה', כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ" וְכוּ'. וְעִקַּר הַכַּוָּנָה עַל חָכְמוֹת הַתּוֹרָה שֶׁמְּלֵאָה רָזִין עִלָּאִין וכו'.

וואס קומט מען ראש השנה צום צדיק? מ'קומט ראש השנה צום צדיק, ווייל אָן דעם צדיק - איז דארט מסביר רבי נתן[טו] - האבן מיר נישט קיין שום שייכות צו די אלע סודות הבריאה וואס דער רבונו של עולם פירט די גאנצע בריאה. די גאנצע יאר וואס דער רבש"ע גייט געבן, אלעס איז על פי סודות. אלעס איז על פי "**רזין דרזין**"; אין דעם אלעס ליגן טיפע סודות, און מיר האבן נישט קיין שייכות צו דעם. מיר האבן בכלל נישט קיין שום וועג ווי אזוי דאס צו ממשיך זיין אויף אונז – נאר דער צדיק. ער האלט דארטן; דארטן איז זיין פלאץ, דאס איז זיין מדריגה, דאס זענען זיינע לבושים. דאס איז זיין אמת'ער פלאץ.

דערפאר דארף מען קומען ראש השנה צום צדיק. מיר קומען ראש השנה צום צדיק, און דעמאלטס איז דער ראש השנה אינגאנצן א אנדערער ראש השנה. אזוי ווי מיר האבן גערעדט די פריערדיגע מאל, אז ראש השנה דארף מען אוועקלייגן די מחשבות. **מ'דארף האבן ריינע מחשבות; מחשבות וואס קומען מתוך התקשרות לצדיק**, מחשבות וואס ברענגען טהרת המחשבה –

---

**טו.** שם באות ב: כִּי בְּעִנְיָן זֶה שֶׁל אֱמוּנַת חֲכָמִים הַנַּ"ל תָּלוּי קִיּוּם כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, כִּי אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לְקִיּוּם הַתּוֹרָה וּלְהַכִּיר אֶת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ כִּי אִם עַל־יְדֵי אֱמוּנַת חֲכָמִים, שֶׁהֵם הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁכְּבָר שִׁבְּרוּ אֶת יִצְרָם לְגַמְרֵי עַד שֶׁזָּכוּ לְהַשִּׂיג רָזֵי עוֹלָם, לְהָבִין וּלְהַשִּׂיג אֶת כָּל הַמַּעֲשֶׂה הַנַּעֲשֶׂה תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ. [..] כִּי בְּכָל דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם בִּכְלָל וּבִפְרָט יֵשׁ בּוֹ רָזִין עִלָּאִין, אַךְ מֵחֲמַת שֶׁכָּל זֶה נֶעְלָם מֵהָעוֹלָם מְאֹד, מֵחֲמַת גַּשְׁמִיּוּת עֲכִירוּת מַעֲשֵׂיהֶם שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נִתְעַכֵּר הַשֵּׂכֶל, עַל־כֵּן אֵין שׁוּם אָדָם יוֹדֵעַ מַה נַּעֲשֶׂה בָּעוֹלָם בְּכָל עֵת, **עַל־כֵּן הָעִקָּר הוּא אֱמוּנַת חֲכָמִים אֲמִתִּיִּים, שֶׁהֵם צַדִּיקֵי אֱמֶת שֶׁשִּׁבְּרוּ אֶת גּוּפָם לְגַמְרֵי עַד שֶׁזָּכוּ לְהַשִּׂיג רָזֵי עוֹלָם, עַד שֶׁכָּל מַעֲשֵׂיהֶם וְדִבּוּרֵיהֶם יֵשׁ בָּהֶם רָזִין נִפְלָאִים וְאֵינוֹ פָּשׁוּט כְּלָל, כִּי הֵם יוֹדְעִים מַה שֶּׁעוֹשִׂים וּמְדַבְּרִים, לֹא כְּמוֹ הֲמוֹן עַם שֶׁעוֹשִׂים וּמְדַבְּרִים וְאֵינָם יוֹדְעִים כְּלָל פְּנִימִיּוּת מַעֲשֵׂיהֶם וְדִבּוּרֵיהֶם עַד הֵיכָן הַדְּבָרִים מַגִּיעִים**, עַל־כֵּן עַל־יְדֵי שֶׁמַּאֲמִינִים בָּהֶם כַּנַּ"ל שֶׁכָּל דִּבּוּרֵיהֶם וּמַעֲשֵׂיהֶם אֵינוֹ פָּשׁוּט אֶלָּא יֵשׁ בָּהֶם רָזִין, עַל־יְדֵי־זֶה עִקַּר יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ וכו' כִּי **עַל־יְדֵי־זֶה מַאֲמִין שֶׁבְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם יֵשׁ בָּהֶם רָזִין, רַק שֶׁאֵין אָנוּ מְבִינִים אוֹתָם מֵחֲמַת גַּשְׁמִיּוּת גּוּפֵנוּ**, כִּי הֲלֹא זֶה הַצַּדִּיק שֶׁשִּׁבֵּר אֶת גּוּפוֹ יוֹדֵעַ בֶּאֱמֶת מַה שֶּׁעוֹשֶׂה וּמְדַבֵּר, כִּי בְּכֻלָּם יֵשׁ רָזִין כַּנַּ"ל.

דעמאלטס קען מען האבן המתקת הדינים. **מיט אזעלכע סארט מחשבות פונעם צדיק, מיט דעם קען מען אויסבעטן דעם יאר**[טז].

## דער כוח צו כובש זיין ארץ ישראל

רבי נתן רעדט דארטן ארום[יז] [רבי נתן רעדט דערפון אין כמה הלכות, און אויך אין אנדערע פלעצער]: אז דער גאנצער ענין פון ראש השנה, איז דער ענין פון **"כיבוש ארץ ישראל"**. יעדער יאר איז מען כובש ארץ ישראל מער און מער... מ'בעט אויס די גאולה און מ'איז כובש ארץ ישראל.

דער גאנצער ענין פון כיבוש ארץ ישראל, איז ארויסגיין פון טבע. ארץ ישראל איז דער ענין פון "השגחה". דער גאנצער כח צו כובש זיין ארץ ישראל איז קעגן דעם וואס די גוים זאגן אונז: **"לסטים אתם"**. די גוים זאגן: "איך

**טז.** וראה באריכות ברוחא דחיי קונטרס י"ד (מאמר 'ראש' לכל השנה).

**יז.** ראה שם באות י"א: וְכָל זֶה הוּא בְּחִינַת 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', כִּי כָּל עֲבוֹדָתֵנוּ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא לְגַלּוֹת וּלְהָאִיר וּלְהַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ קְדֻשַּׁת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, שֶׁהוּא נַחֲלָתֵנוּ וּמְקוֹר קְדֻשָּׁתֵנוּ, כְּמוֹ שֶׁמִּתְחַנְּנִים וְצוֹעֲקִים כָּל יִשְׂרָאֵל קֹדֶם תְּקִיעַת שׁוֹפָר: "יִבְחַר לָנוּ אֶת נַחֲלָתֵנוּ" וְכוּ', וּכְמוֹ שֶׁמְּבַקְשִׁים בְּבִרְכַּת שׁוֹפָרוֹת: 'תְּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל לְחֵרוּתֵנוּ' וְכוּ' [..]. כִּי עִקַּר קְדֻשַּׁת אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הוּא בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל חֵלֶק שָׁם, וּכְפִי מַה שֶּׁמְּקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר עַצְמוֹ כֵּן מַמְשִׁיךְ עָלָיו קְדֻשַּׁת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, וְכֵן זוֹכֶה לְהַחֲזִיק וְלִכְבֹּשׁ חֵלֶק מֵאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, וְכֵן לְהֵפֶךְ חַס וְשָׁלוֹם, כְּפִי חֲטָאָיו וּפְגָמָיו כֵּן פּוֹגֵם בִּקְדֻשַּׁת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל וְכֵן נִתְרַחֵק מִשָּׁם, כְּמוֹ שֶׁאוֹמְרִים: 'וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ גָּלִינוּ מֵאַרְצֵנוּ' וְכוּ'. כִּי עִקַּר הִתְגַּלּוּת מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּתְגַּלֶּה עַל־יְדֵי מַלְכוּת מָשִׁיחַ שֶׁיָּבוֹא בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ הוּא בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל וִירוּשָׁלַיִם, וּמִשָּׁם הִתְחִיל בְּרִיאַת הָעוֹלָם וּמִשָּׁם כָּל הִתְגַּלּוּת אֱלֹקוּתוֹ בָּעוֹלָם וכו'. וְעַל זֶה מִתְפַּלְּלִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה: 'שִׂמְחָה לְאַרְצֶךָ וְשָׂשׂוֹן לְעִירֶךָ וּצְמִיחַת קֶרֶן לְדָוִד' וְכוּ'. **אֲבָל לִכְבֹּשׁ אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל אִי אֶפְשָׁר כִּי אִם עַל־יְדֵי צַדִּיקֵי אֱמֶת, וְעַל־כֵּן נוֹסְעִין עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לַצַּדִּיקִים**, כִּי "צַדִּיקִים יִירְשׁוּ אָרֶץ", **וְהָעִקָּר עַל־יְדֵי אֱמוּנַת חֲכָמִים הַנַּ"ל, שֶׁמַּאֲמִין שֶׁכָּל דִּבְרֵיהֶם וְכוּ', יֵשׁ בָּהֶם רָזִין**, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נִתְגַּלֶּה שֶׁכָּל הַבְּרִיאָה מְלֵאָה רָזִין עֲמִיקִין וְכַנַּ"ל, שֶׁזֶּה נִתְגַּלֶּה בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל שֶׁשָּׁם כָּל הַקְּדֻשּׁוֹת וְכָל הַהִתְגַּלּוּת אֱלֹקוּת. (וראה ברוחא דחיי קונטרס י"ג (עמ' י"ז ואילך) שם מקריא רח"ב את כל הקטע הזה ומאריך שם בדיבורים נפלאים מענין כבישת ארץ ישראל וכל הקלי' וכו' ע"י הצדיק והר"ה שלו וכו').

ווייס נישט... מיר רעדן פון היסטאריע, און לויט דער היסטאריע זענען מיר די בעלי-בתים". די אראבער שרייען, די ציונים שרייען, דער שרייט... יעדער איינער שרייט אויף א געוויסן אופן... די גאנצע וועלט האלט אז ארץ ישראל איז זייערע.

פארוואס פייניגן די גוים די אידן אין יעדן פלאץ? זיי זאגן: "ס'איז מיין פלאץ! וואס קומסטו דא? וואס קומסטו דא? דו קומסט און דו נעמסט אלעס איבער...". דער רבי רעדט א גאנצע תורה[יח], אז וואו אידן קומען, איז "**ישראל נעשים אדונים לבעליהם**". וואו אידן קומען – אידן האבן בכלל נישט א פלאץ אויף דער וועלט – ווען אידן קומען אריין אין א פלאץ, קומען זיך דארט אן, און הויבן אן לעבן א אידישע לעבן – די גויים ווערן ענג, און ס'ווערט א אידישע פלאץ.

גאנצע געגנטער, אין גאנצע מדינות... וואו אידן האבן געוואוינט דארטן, האבן זיי געמאכט 'אידיש' דער גאנצן פלאץ! טאקע, למעשה, די גויים האבן אויך געהאט חיות פון דעם – אבער זייער גאנצער גלויבן, די גאנצע כח הטומאה, אלעס ווערט צובראכן... זיי פראבירן זיך האלטן...

בדרך כלל אזוי איז טאקע געווען אין אלע מדינות: דער המון-עם האבן זייער געהאט חיות פון די אידן, זיי האבן געהאט פרנסה. אוואו די אידן זענען געקומען, איז געווען פרנסה. אבער אלעמאל איז געווען אז די גלחים האבן געהעצט (קעגן די אידן)... זיי האבן געפילט אז זיי ווערן באזייטיגט; זייערע אמונות, זייערע כפירות מיט די אמונות כזביות, פלעגן באזייטיגט ווערן...

---

**יח.** ליקוטי מוהר"ן תורה ע"ו תנינא: יִשְׂרָאֵל הֵם נַעֲשִׂים אֲדוֹנִים לְבַעֲלֵיהֶם כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, (סַנְהֶדְרִין קד): כָּל מָקוֹם שֶׁהֵם הוֹלְכִים, נַעֲשִׂים שָׂרִים לַאֲדוֹנֵיהֶם. כִּי בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם בָּאִין בַּגָּלוּת, בַּתְּחִלָּה הֵם כְּבוּשִׁים בַּגּוֹלָה אֲבָל אַחַר כָּךְ הֵם נַעֲשִׂים אֲדוֹנִים לְבַעֲלֵיהֶם כִּי אַחַר כָּךְ הֵם כּוֹבְשִׁים אֶת הַמָּקוֹם הַהוּא, שֶׁהֵם בָּאִים בַּגּוֹלָה שָׁם כִּי יִשְׂרָאֵל הֵם מְרִימִין וּמַעֲלִין כָּל הַמְּקוֹמוֹת הַשְּׁפָלִים וְהַנְּפוּלִים כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְגִלָּה ו) : עֲתִידִין בָּתֵּי תֵּרְטִיאוֹת וְקִרְקְסִיאוֹת, שֶׁיִּלְמְדוּ בָּהֶן תּוֹרָה בָּרַבִּים שֶׁנֶּאֱמַר "וְנִשְׁאָר גַּם הוּא לֵאלקֵינוּ" וְכוּ (עַיֵּן שָׁם) כִּי יִשְׂרָאֵל מַעֲלִין וּמְנַשְּׂאִין כָּל הַמְּקוֹמוֹת הַנְּפוּלִין וכו', עיי"ש.

ווייל אז אידן זענען אריינגעקומען אין א פלאץ, האבן זיי צובראכן די גאנצע טומאה פון דעם פלאץ.

די גאנצע טומאה פון זייער פלאץ איז אלץ געבויט אויף שקרים, און בעיקר איז עס געבויט אויף אמונות כזביות מיט טענות טבעיות; "ס'איז מיין פלאץ", מיט נאך אזעלכע דמיונות און אזעלכע זאכן. מיט דעם האבן זיי פראבירט צו האלטן זייער פלאץ; ווען ס'איז אריינגעקומען אידן, האבן זיי געזאגט: "לסטים אתם! וואס האט איר צו אריינקומען אין די פלעצער?".

בפרט אין ארץ ישראל, מ'קומט וואוינען אין ארץ ישראל, און אויף ארץ ישראל שטעלט זיך אוועק.. די גמרא זאגט[יט] אז ווען יהושע בן נון איז געקומען איינגעמען ארץ ישראל, איז נישט געווען קיין מלך אין דער גאנצער וועלט וואס האט נישט געהאט קיין ווינקל אין ארץ ישראל. נישט אומזיסט זענען געווען דארטן **"ל"א מלכים"**[כ]; עס זענען געווען דארטן שבעה עממים, אבער ס'איז געווען ל"א מלכים... פארוואס זענען געווען אזוי פיל מלכים דארטן? נאר ווייל די אלע גויים האבן זיך געזוכט צו האבן קנינים אין דעם פלאץ.

ווען מ'דארף קומען אין ארץ ישראל, דארף מען כובש זיין. מ'דארף כובש זיין, מ'דארף זיך שלאגן. מיט די גאנצע וועלט האבן זיי זיך געדארפט שלאגן... נישט אומזיסט האבן די מרגלים מורא געהאט אריינצוגיין. ס'איז געווען זייער שווער, זייער שווער צו ברעכן, זייער שווער צו ברעכן די קליפות.

---

**יט.** ראה ילקוט שמעוני שלח רמז תשמ"ג: "וְאֶתֵּן לָךְ אֶרֶץ חֶמְדָּה נַחֲלַת צְבִי צִבְאוֹת גּוֹיִם", "אֶרֶץ חֶמְדָּה" אֶרֶץ שֶׁעֲשׂוּיָה חוּלָאוֹת חוּלָאוֹת לִמְלָכִים וּלְשִׁלְטוֹנִים, שֶׁכָּל מֶלֶךְ וְשִׁלְטוֹן שֶׁלֹּא קָנָה חוּלָאוֹת בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לֹא עָשָׂה כְּלוּם, רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר, **וְכִי שְׁלֹשִׁים וְאֶחָד מְלָכִים שֶׁהָיוּ לְשֶׁעָבַר כֻּלָּם הָיוּ בָּאָרֶץ**, אֶלָּא כְּדֶרֶךְ שֶׁעוֹשִׂין בְּרוֹמִי עַכְשָׁיו שֶׁכָּל מֶלֶךְ שֶׁלֹּא קָנָה פַּלְטֵיאוֹת [וְחוּלָאוֹת] בְּרוֹמִי אוֹמֵר לֹא עָשִׂיתִי כְּלוּם, **כָּךְ כָּל מֶלֶךְ וְשִׁלְטוֹן שֶׁלֹּא קָנָה פַּלְטֵיאוֹת וְחוּלָאוֹת בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹמֵר לֹא עָשִׂיתִי כְּלוּם** (ומקורו בספרי עקב ל"ז, ובנוסח אחר בתנחומא משפטים י"ז).

**כ.** ראה בספר יהושע י'-י"ב (וראה ביאור הגר"א שם י"ב, ז).

די איינציגסטע זאך ווי אזוי מ'איז כובש ארץ ישראל, איז דורך דעם וואס מ'איז מגלה אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט: "**ברצונו נתנה להם, וברצונו נטלה מהם ונתנה לנו**"[כא]. אז מ'איז מגלה דעם כח פון די "עשרה מאמרות", מ'איז מגלה דעם כח ההנהגה פון אויבערשטן אין די בריאה, העכער פון טבע – דאס איז דער כח פון כובש זיין ארץ ישראל.

איז יעדער יאר קומט - רבי נתן זאגט עס אין אסאך הלכות[כב] - יעדער יאר קומט ראש השנה. וואס שרייט מען? מ'שרייט: מ'דארף כובש זיין, מ'דארף כובש זיין די פלאץ פאר אונז. מיר האבן נישט קיין פלאץ אויף דער וועלט; מ'דארף כובש זיין פאר אונז דעם פלאץ. מ'דארף כובש זיין... וואו אידן זענען, דארף מען פאר זיי כובש זיין. בפרט אין ארץ ישראל אליין, וואס מ'דארף כובש זיין, וואס מ'דארף כובש זיין, ביזן גמר הכיבוש – וואס דאס איז די גאולה – ס'זאל זיין א פולער כיבוש.

**און די כבישה איז דורך דעם וואס מ'איז מגלה די כח הצדיקים.** נאר בכח הצדיקים איז מען מגלה, דעם כח פון די צדיקים וואס זענען משיג די רזין, די הויכע סודות. און מיט די הויכע סודות קען מען ממתיק זיין אלע דינים.

ווייל באמת אלעס וואס לאזט אונז נישט אנקומען צו אונזער פלאץ, דאס איז אלעס נאר ווייל עס זענען דא אויף אונז דינים. נאר די דינים און די קטרוגים. בכלל, דער גאנצער כח פון יצר הרע, פון חכמות הטבע – אלעס קומט נאר פון דינים, פון הסתרה.

און דורך דעם וואס מ'איז ממתיק די דינים, ווערן נסתלק די אלע סארטן מונעים. די אלע סארטן כוחות ווערן נסתלק, דורך דעם וואס מ'איז מגלה

**כא.** רש"י בראשית א, א ומקורו בילקו"ש שמות רמז קפ"ז.

**כב.** ראה בהל' בית הכנסת ה' ובהל' דברים הנוהגים בסעודה ד'.

דעם אמת – אז דער אויבערשטער פירט די וועלט, און ס'פירט זיך מיט רזין עילאין.

און די רזין עילאין, דאס איז די סודות פון רחמים, אלע מיני סארטן המתקות, אלע מיני.. **דער רבי זאגט**[כג] **אז דאס איז די "תלת גוונין" פון די אבות, די "זכות אבות". די זכותים וואס די אידן האבן שטארקע שרשים פון די אבות, דאס איז ממתיק פאר אונז אלע דינים. דאס איז מגלה קדושת ישראל; דאס איז מגלה פארוואס דער אויבערשטער וויל אונז, פארוואס דער אויבערשטער וויל פאר אונז איינעמען די גאנצע וועלט.** דאס זענען דאך סודות, גרויסע סודות, נישט קיין פשוט'ע זאכן!

## דער רבי ברענגט אריין א דרך אין תפילה

מ'קען נישט קומען סתם. א מענטש מיינט: ער קומט, ער וועט זיך צושרייען אויפ'ן אויבערשטן... די פאר מינוט וואס ער האלט ביים רעדן צום אויבערשטן – מיינט ער: ער וועט זיך צושרייען דארטן, ער וועט אנזידלען מיינט ער, און מיט דעם וועט ער פועל'ן... נישט אזוי, נישט אזוי איז מען מתפלל!

דער רבי האט געוואלט אריינברענגען אין אונז א דרך פון תפילה, אז אידן זאלן זיך פארזאמען אין תפילה, זאלן האבן התבודדות יעדן טאג – זיך פארזאמען אין תפילה. ווי קען מען זיך פארזאמען אין תפילה? נאר אז די תפילות זענען געבויט אויף תורות; בשעת די תפילות זענען געבויט אויף די "**רזין עילאין**" וואס צדיקים האבן משיג געווען – דעמאלט האבן מיר א פתחון־פה צו רעדן צום אויבערשטן!

---

**כג.** ראה שם בתורה מ"ב.

א מענטש שטעלט זיך אוועק – וואס? האסט געפלאצט? האסט געפלאצט? – מ'קען דיר בארואיגן... – "איך קען נישט אויסהאלטן..." – מ'וועט דיר בארואיגן; מ'קען יא. ס'איז גארנישט געשען...

ווען א צווייטער פלאצט, פארשטייסטו? – מ'האט דיר אנגערירט, איז געשען עפעס – ער איז אויס מענטש... ער שרייט און זידלט, און ער מיינט אז דאס רופט זיך "לב נשבר". ער כאפט נישט אז ער רעדט נאריש; ער רעדט נארישקייטן. א רגע ארום האט ער שוין נישט קיין געדולד צו זיך אליין, ווערט אים נמאס צו מתפלל זיין.

פארוואס? ווייל ער אליין קען נישט אויסהאלטן אזעלכע תפילות; ער אליין קען נישט אויסהאלטן אזעלכע סארטן מיאוס'ע תפילות וואס ער זידלט. וואס זידלסטו? ווען דיין אינגל וואלט דיר געזידלט, וואלסטו אים געזאגט: "זיי שטיל, רעד ווי א מענטש! נישט אזוי רעדט מען..." – אזוי רעדט מען צום אויבערשטן? אזוי רעדט מען צום אויבערשטן?!

מ'דארף קענען האבן ריצויים, צו מפייס זיין דעם אויבערשטן, משבח זיין דעם אויבערשטן, מגלה זיין גדולת ה', מגלה זיין גדולת ישראל, מעורר זיין רחמים, מעורר זיין גוונין עילאין... פועל'ן המתקת הדינים. ס'איז דא א דרך אין תפילה!

**דאס איז דעם רבי'נס גרויסקייט, אז דער רבי קען אריינברענגען א וועג פון תפילה.** קיינער ברענגט נישט אריין א וועג פון תפילה אזוי ווי דער רבי קען אריינברענגען – פאר יעדן איינעם, פאר'ן פחות־שבפחותים – **אז יעדער איינער זאל קענען עפענען זיין מויל צו רעדן צום אויבערשטן.**

דאס איז די וועג, דאס איז דער וועג פון רבי'ן. און דאס האט דער רבי געוואלט מיט אלע תורות. דער רבי האט געוואלט אז די תורות פון רבי'ן זאלן עפענען דעם מענטשן'ס מויל. יעדער תורה, יעדער דיבור. יעדער דיבור פון רבי'ן איז געמאכט געווארן, אז דער מענטש זאל האבן נאך א טענה, נאך א אֲמַתְלָא, נאך א פתחון פה, מיט נאך א אריכות דברים – כדי ער זאל קענען רעדן צום אויבערשטן. דאס איז דער "שלימות לשון הקודש".

**דער רבי געבט אונז א שפראך ווי מ'רעדט צום אויבערשטן. ער געבט אונז א הייליגע שפראך; א שפראך פון זיינע תורות... ס'איז גאר עפעס אנדערש, די שפראך ווען מ'רעדט צום אויבערשטן!** און דאס איז א שפראך וואס דער רבי האט אונז געברענגט, אז מ'זאל קענען מאריך זיין, רעדן און רעדן און רעדן...

## בויגנס-בויגנס פון טענות ואמתלאות...

בפרט אז ס'קומט ראש השנה, וואס דעמאלטס דארף מען ממתיק זיין די דינים. דעמאלטס – דער רבי געטרויעט קיינעם נישט – (ער זאגט:) "קומט אלע צו מיר, קומט צו מיר, איך וועל מאכן די ארבעט... איר וועט מיטשרייען מיט מיר". דעמאלטס שלאגט זיך דער רבי אליין פאר אונז, מיט וואס ער ווייסט זיך צו שלאגן.

דער רבי טענה'ט זיך מיט אזעלכע טענות... אין כמה פלעצער שטייט אין חיי מוהר"ן, וואס רבי נתן זאגט[כד]: **"דער רבי האט געהאט אפגעשריבן בויגנס בויגנס** (גליונות נייר) **מיט טענות, אויף זאכן וואס ער האט געהאט טענות צו טענה'ען פאר'ן אויבערשטן"**. דער רבי האט געוואוסט ווי מ'טענה'ט, דער רבי האט געקענט פירן א מלחמה פון תפילה; ער האט געוואוסט ווי, ער האט געקענט.

**כד.** ראה חיי מוהר"ן קנ"א: וְאָז בְּמוֹצָאֵי יוֹם־כִּפּוּר אָמַר רַבֵּנוּ זַ"ל שֶׁבְּאוֹתוֹ יוֹם־כִּפּוּר רָצָה לִפְעֹל דָּבָר אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ' **וְהָיוּ לוֹ כַּמָּה טְעָנוֹת עַל־זֶה שֶׁאִלּוּ הָיוּ נִכְתָּבִים הָיוּ נִכְתָּבִים כַּמָּה בּוֹגִין [גִּלְיוֹנוֹת]** וְעָשִׂיתִי לִי סֵדֶר גָּדוֹל עַל הַנַּ"ל. וראה בשבחי הר"ן י"א: וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה מְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דִּבְרֵי תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת מִלִּבּוֹ וְנִזְדַּמֵּן לוֹ בְּתוֹךְ דִּבּוּרָיו טְעָנוֹת יָפוֹת וּתְפִלּוֹת נְכוֹנוֹת וּמְסֻדָּרוֹת וְהוּטְבוּ בְּעֵינָיו **וְהָיָה כּוֹתְבָם אֶצְלוֹ לְזִכָּרוֹן לְמַעַן יִהְיֶה רָגִיל לְהִתְפַּלֵּל אוֹתָם גַּם אַחַר־כָּךְ**. וְכֵן הָיָה רָגִיל בְּעִנְיָן זֶה לְדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ הַרְבֵּה מְאֹד מְאֹד וְכָל תְּפִלּוֹתָיו הָיוּ שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְהָיוּ לוֹ טְעָנוֹת גְּדוֹלוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל זֶה.

צוליב דעם דארף מען קומען צום רבי'ן. מיט די אמונה דארף מען קומען צום רבי'ן! קומען צום רבי'ן... אז דער רבי לייגט אוועק אלע נארישקייטן, אלע שטותים, מיט אלע קטרוגים וואס יעדער איינער איז מקטרג אויף זיך און אויף אנדערע און ער האט עפעס א פירוש וואס הייסט א עליה און וואס הייסט א ירידה... צו דער מצב איז 'בארג ארויף', צו דער מצב איז 'בארג אראפ', צו ס'איז אהער און צו ס'איז אהין, און דאס איז צוליב דעם, און דאס איז צוליב דעם...

ער מיינט אז ער פארשטייט; צו בדרך אמונות כזביות, צו ער פארשטייט בדרך שכל-בדרך הטבע – ער האט הסברים אהער. ס'קוקט אים אויס: 'דאס איז שוין לאחר היאוש... דא דארף מען עפעס א מורא'דיגע סגולה, וואס ער האלט אז ס'איז א סגולה'. [דער 'דוקטור' איז מחליט וואס איז לאחר היאוש, און דער 'רבי' איז מחליט וואס איז דער מורא'דיגער מופת, און צוזאמען ווערט צוזאמגעשטעלט עפעס א מופת. און ס'איז שוין נישט לאחר היאוש. ס'הייבט זיך גארנישט אן. ס'איז גארנישט געשען. ס'איז גארנישט...].

די גאנצע מעשיות; פאנטאזיעס מיט פאנטאזיעס, מיט פאנטאזיעס... הערט אויף צו זאגן אזוי פיל אייערע פירושים. לייגט אוועק אייערע פירושים פון די אלע דאקטעריי, און קוקט אויף די בילד תמימות'דיג. **קוקט אויף די בילד!** ס'איז דא אמת'ע מניעות, ס'איז דא אמת'ע שוועריקייטן, וואס יעדער איינער ווייסט. וויפל ער ווייסט – א משהו; און אסאך, אסאך מער וויפל ער ווייסט – ווייסט ער נישט.

דער רבי האט געזאגט[כה]: **"וואס קלעקט אייער תשובה? תשובה־טאן ווילסטו? תשובה טאן ווילסטו?! א גאנצן לעבן וועט נישט קלעקן צו**

---

**כה**ראה חיי מוהר"ן ד"ש: שָׁמַעְתִּי בְּלִיפָּוִיץ שֶׁהָיָה מְדַבֵּר עִם אַנְשֵׁי־שְׁלוֹמֵנוּ דְּשָׁם וְאָמַר: מָה אַתֶּם יְכוֹלִים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, וְכִי מַסְפִּיקִים יְמֵיכֶם וְכֹחֲכֶם כֻּלְּכֶם לְתַקֵּן פְּגַם אֶחָד מִמַּה שֶׁקִּלְקַלְתֶּם. רַק אֲנִי עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה בִּשְׁבִילְכֶם, וְיֵשׁ לְאֵל יָדִי לְתַקֵּן הַכֹּל כָּל מַה שֶׁקִּלְקַלְתֶּם עַד הֵנָּה, רַק הָעִקָּר מֵעַתָּה לֹא תַעֲשׂוּ עוֹד וכו'. וְעוֹד דִּבֵּר מִזֶּה הַרְבֵּה. וראה בשיש"ק חלק ג תתצ"א שרבינו אמר בזה הלשון:

**פארריכטן איין פגם וואס איר האט פוגם געווען... נאר איך טוה פאר אייך תשובה. איך טוה תשובה - - -"**

ס'איז עפעס א אנדערע מעשה דא, ס'טוט זיך עפעס א אנדערע מעשה דא! נישט דו ווייסט וואס א 'חטא' איז, און נישט דו ווייסט וואס א 'פגם' איז, און אוודאי און אוודאי אז דו ווייסט נישט וואס א 'תיקון' איז – ווייסטו דאך גארנישט, ווייסטו דאך גארנישט...

**אז דו קומסט צום רבי'ן, פארלאזטו זיך אויפ'ן רבי'ן, און דו גייסט מיט'ן רבי'נס כח;** פאלגסט דעם רבי'נס עצות. דו טוהסט וואס דער רבי הייסט דיר טאן, נישט וואס דיר פאלט איין צו טאן. **דו בעטסט דעם אויבערשטן אזוי ווי דער רבי לערנט דיר צו בעטן דעם אויבערשטן,** נישט ווי דיר פאלט איין צו בעטן דעם אויבערשטן.

דו בעטסט מיט'ן תמימות פון רבי'ן, מיט'ן כח פון רבי'ן, מיט די דיבורים פון רבי'ן.... איז דעמאלטס, דאס זענען דיבורים וואס דער אויבערשטער וויל הערן. דאס זענען די דיבורים, וואס מיט די דיבורים טאקע מאכט דער רבי, בויעט דער רבי פון דעם – "בנינים נפלאים". פון אזעלכע דיבורים! דאס זענען דיבורים וואס.. אז מ'רעדט דיבורים וואס דער רבי וויל מ'זאל רעדן, בויעט דער רבי טאקע פון דעם 'בנינים נפלאים'!

## "ראו כי ה' נתן לכם מטמון"!

אבער דער שורש פון די גאנצע זאך איז, אז מ'דארף אריינעמען אין זיך דעם ליקוטי מוהר"ן. יענע וואך האט מען דא פארגעליינט אביסל פון די הקדמה פון רבי נתן'ען (צום ליקוטי מוהר"ן). **וואס איז דער ליקוטי מוהר"ן? רבי נתן רעדט דארטן ארום, אז ס'איז א מטמון – "ראו כי ה' נתן לכם מטמון"!**

---

**"וואס קלעקט דען אייער תשובה? נאר איך טוה פאר אייך תשובה!".** (וראה בליקוטי מוהר"ן תנינא תורה ס"ו).

דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א מטמון. ער האט אונז געגעבן **"אורייתא דעתיקא סתימאה... שמגלה טפח ומכסה טפחיים"** – אביסל איז ער מגלה, און אן א שיעור איז ער מכסה. און דאס איז דער עיקר צו וויסן: אלעס וואס דער רבי איז אונז מגלה, מיט דעם ווייזט ער אונז אז ער איז נאך מכסה, "**כפלים לתושיה**" [כו]. ס'איז באהאלטן דא אָן א שיעור!

און דאס איז דער עיקר. דאס איז דער עיקר פארוואס דער ליקוטי מוהר"ן איז געגעבן געווארן. און אזוי ווי מ'זעהט עס: די וואס גייען אביסל מיט א תורה, זעהען עס בחוש. וואס מער מ'גייט אריין אין א תורה, ווערט די תורה שווערער...

א מענטש גייט אריין אין א תורה, און ער מיינט אז עס זענען דא עפעס א פאר שוועריקייטן, אבער ער פארשטייט די תורה. ווען ער גייט אריין אין די תורה און ער פארענטפערט צוואנציג קושיות, זענען געווארן פערציג. פארענטפערט ער פערציג, זענען געווארן אכטציג. פארענטפערט ער אכטציג, זענען געווארן נאך מער... וואס מער מ'גייט אריין אין א תורה, זעהט מען וואס טוט זיך דא... 'רבונו של עולם, וואס טוט זיך דא?!'

אויב נישט אז די חיות אין א תורה איז אז פארקערט: אז פון דעם זעהט מען דעם רבי'נס גרויסקייט. מ'זעהט וואס דא טוט זיך און מ'הויבט אן גלויבן... מ'גלויבט אין די זכיה וואס מ'לערנט, מ'גלויבט אין די סגולה. אלעס וואס רבי אברהם רעדט פון דעם דרך־הלימוד זיינע, רעדט ער אז דער דרך הלימוד איז א סגולה. נאך די גאנצע דרך הלימוד וואס ער רעדט פשט, איז די גאנצע פשט א סגולה.

ס'איז א סגולה אז: **"על ידי עיון עמוק בסודות התורה – דורך דעם איז מען זוכה צו פוקד זיין עקרות און מרפא זיין חולאת חזק"** [כז]. ס'האט כוחות

---

**כו.** מלשה"כ איוב יא, ו.

**כז.** ראה בהקדמת הביאור הליקוטים: וְהָעִקָּר הוּא לִמּוּד הָעִיּוּן שֶׁבָּהּ, כַּמְבֹאָר מִדְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים בְּלִקּוּטֵי א' סִימָן ק"א, שֶׁזֶּה הוּא הַלִּמּוּד הַמְסֻגָּל לְהִנָּצֵל עַל־יָדוֹ מֵהַתַּאֲווֹת וְהַמִּדּוֹת הָרָעוֹת. וּבְסֵפֶר הַמִּדּוֹת בְּאוֹת סוֹד. מְבֹאָר שֶׁבְּעִיּוּן עָמֹק בְּסוֹדוֹת הַתּוֹרָה, יְכוֹלִים לִפְקֹד עֲקָרוֹת וּלְרַפְּאוֹת חוֹלַאַת חָזָק

עצומים! דער מעיין זיין, דער מעיין זיין... ערשט יעצט זעסטו וואספארא סודות התורה זענען דא. אבער דער עיקר תכלית איז זיך מדבק זיין אין די סודות התורה, דער עיקר זיך מתדבק זיין!

## "רשמתי זאת בשביל דורות הבאים..."

מ'זעהט רבי נתן כסדר אין די בריוון. ער הויבט אן רעדן פון א תורה (אין ליקוטי מוהר"ן). כמעט וואס מ'זעהט נישט א בריוו וואס רבי נתן שרייבט דארטן עפעס חידושים. רבי נתן, דער גרויסער מחדש, האט נישט געקענט שרייבן עפעס א פאר חידושים אין די בריוו?

אין די בריוו שרייבט ער בעיקר – ער הויבט נאר אן רעדן: "[כח]**מיר האבן גערעדט שבת וועגן דעם ענין... ס'איז דא די תורה אויך... איך דערמאן זיך פון די תורה, וואספארא נפלאות ונוראות עצומות! איך קען נישט ארויסגעבן מה שיש בליבי, וואס דא טוט זיך...**". "[כט]**און זאג פאר דעם וואס איז געווען דא, ער זאל דיר אביסל איבערגעבן...**". "**קענסט זיך נישט פארשטעלן די גדלות התורות! גדלות המעשיות! גדלות השיחות!**".

דאס איז דער עיקר, אריינברענגען אין זיך די אמונת חכמים. דאס איז דער עיקר, צו וויסן – אזוי ווי רבי נתן שרייבט אין די הקדמה פון חיי מוהר"ן, רבי נתן שרייבט דארט א גאנצע אריכות וועגן דעם רבי'נס גרויסקייט, ביים סוף פירט ער אויס: וואס שרייב איך דאס אלעס? – "**רָשַמְתִּי זֹאת בִּשְׁבִיל דּוֹרוֹת הַבָּאִים**". פארוואס שרייב איך די גדולה פון רבי'ן? – "**בִּשְׁבִיל דּוֹרוֹת**

(שֶׁגַּם מִזֶּה מוּבָן גֹּדֶל וְעֹצֶם מַעֲלַת זֶה הַלִּמּוּד). וְכַאֲשֶׁר נִקְרָאִים בְּשֵׁם סוֹדוֹת הַתּוֹרָה כָּל דִּבְרֵי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי בְּהַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ וְהַתִּקּוּנִים שֶׁנִּפְתְּחוּ וְיָצְאוּ מִמְּקוֹר הַחָכְמָה דְּעַתִּיקָא סְתִימָאָה. כֵּן גַּם כָּל דִּבְרֵי הַנַּחַל הַנּוֹבֵעַ מִשָּׁם עַל־יְדֵי רַבֵּנוּ זַ"ל.

**כח.** ראה לדוגמא במכתבים: ק"ה, קס"ב, רנ"ד, שכ"ה, ועוד.

**כט.** ראה לדוגמר במכתבים: רמ"ח, רפ"ז, ועוד.

**הַבָּאִים וּבִשְׁבִיל הַיָּמִים הַבָּאִים לִקְרָאתֵנוּ לְשָׁלוֹם, לְמַעַן לֹא תִשָּׁכַח מִפִּינוּ וּמִפִּי זַרְעֵנוּ, לְמַעַן יֵדְעוּ דוֹרוֹת הַבָּאִים גֹּדֶל חִבָּתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ".**

פארוואס שרייבט רבי נתן דעם רבי'נס שבחים? כדי אידן זאלן וויסן, די דורות הבאים; מיר! מיר! די נידריגע דורות... מיר זאלן וויסן גודל חיבתם של ישראל לפני השי"ת – **"אֲשֶׁר זָכוּ בַּדּוֹרוֹת הָאַחֲרוֹנִים לְאוֹר צַח וְזַךְ כָּזֶה, אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן. אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה אוֹתוֹ! אַשְׁרֵי אֹזֶן שֶׁשָּׁמְעָה מִפִּיו דִּבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים! וְהַמַּעֲמִיק עִיּוּנוֹ בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יָבִין מְעַט מֵעֹצֶם קְדֻשָּׁתוֹ".**

איז וואס איז דער תכלית פון די גאנצע זאך? דער תכלית פון די גאנצע זאך איז אז מיר זאלן זוכה זיין צו וויסן וואס דער רבי איז! ס'זאל אונז אריינגיין אין אונזער הארץ, מיר זאלן זוכה זיין צו וויסן "חיבת ישראל לפני אביהם שבשמים".

מיר זאלן זוכה זיין צו זיך אויפוועקן פון שלאף... מיר שלאפן! מ'דרייט זיך ארום אזוי פאר'גלות'ט, אזוי צוקלאפט, אזוי צופאטשט... און צוליב דעם וואס מיר זענען צוקלאפט און צופאטשט, זענען מיר זיך מתרשל אין עבודת ה'. און אז מיר זענען זיך מתרשל אין עבודת ה' – איז די תאוות זיך מתגבר, דער רע איז זיך מתגבר, די חלישות הדעת איז זיך מתגבר, און מ'קוקט בכלל נישט אויס אזוי ווי מ'דארף אויסקוקן...

און דאס אלעס קומט פון דעם וואס מ'ווייסט נישט וואס דא טוט זיך. **מ'ווייסט נישט די אמת'ע חיבה פון ישראל לפני אבינו שבשמים - אז ער האט אונז געגעבן, אין היינטיגן דור, צו פארמאגן אזא זאך!**

רבי נתן זאגט, - נישט איינמאל - אין בריוו: זאגט נישט, אז 'מיר האבן זוכה געווען', אז 'איך האב עפעס'... **מיר דארפן זיין פריילך אז ס'איז דא דער רבי אויף דער וועלט!** נישט, (נאר) אז איך בין מקורב געווארן, **נאר דאס אז ס'איז דא דער רבי אויף דער וועלט!**

דאס זענען די לשונות, שטארקע לשונות שגורים ביי רבי נתן. **"ס'איז דא דער רבי אויף דער וועלט! די וועלט איז נישט אזוי ווי דו מיינסט... ס'איז**

**דא דער רבי אויף דער וועלט!**" – האסט א טעות, האסט א טעות. ס'איז ביומא דרבי שמעון! ס'איז ביומא דרבי שמעון; דער רבי איז דא אויף דער וועלט...

אז ס'געפינט זיך דער רבי אויף דער וועלט, דאס איז "דורו של רבי שמעון", ס'איז א אנדערע וועלט! אז ס'איז נישטא דער רבי, איז השם ירחם. און אז ס'איז דא דער רבי – ס'איז צוויי אנדערע זאכן... ס'איז א אנדערע מעשה! די גאנצע מעשה פון דער וועלט איז עפעס א אנדערע מעשה! די זאך, דאס איז דער גאנצער תכלית הפנימי פון די גאנצע זאך.

## "תיבת האמת והאמונה – להינצל מחבלו של משיח"

שרייבט רבי אברהם אין די הקדמה פון "**תפארת הליקוטים**"[ל] [מ'האט שוין אסאך מאל, מיין איך, איבערגעזאגט אביסל פון דארטן – און ס'איז גוט צו ליינען פשוט דעם לשון... ער האט אנגעגרייט דעם "תפארת הליקוטים", און ס'איז כמעט גארנישט געבליבן... ס'איז געבליבן די הקדמה, אביסל פון אנהויב און אביסל פון סוף...] עס זענען אזעלכע דברים נוראים וואס ער שרייבט דא.

זאגט ער אזוי: "**אֲבָרְכָה בִּקְהַל רָב**" – איך וועל דאנקען, איך וועל לויבן און בענטשן דעם אויבערשטן, "בקהל רב", צווישן די גאנצע וועלט. וועמען וועל איך דאנקען? דעם אויבערשטן! "**הַנֶּעְלָם מִכָּל רַב וּמִכָּל נוֹצָר**" – וואס ער איז פארשטעלט פון יעדן גרויסן און פון יעדן נוצר (נברא). איך וועל דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן, "**הַסָּתוּם וְטָמִיר בִּדְרָכָיו וְהַנְהָגוֹתָיו, מִכָּל רַעְיוֹן וּמִכָּל חֵקֶר**" – פארשטעלט פון די גאנצע וועלט.

"**וְהוּא**" – און דער רבוש"ע, וואס מיט זיינע דרכים און זיינע הנהגות, "**אֲשֶׁר מֵרֹב מַצְפּוּנֵי סְתָרֶיהָ**", פון רוב באהאלטעניש פון זיינע וועגן וואס ער

---

**ל.** כוכבי אור חלק חמישי, כהיום נדפס בתוך ספר "ביאור הליקוטים" אחרי תורה ס', עיי"ש.

פירט זיך... מיר ווייסן נישט פארוואס. ער איז מסביר אז ס'איז א באהאלטענע זאך, ס'איז דא עפעס א באהאלטענע זאך אין דער וועלט...

אז וואס האט ער געמאכט? דער אויבערשטער, דער באהאלטענער גאט, דער באהאלטענער חכם, דער באהאלטענער וואס ער האט באהאלטענע וועגן – "**הַמְטִיר עַל הָאָרֶץ גֶּשֶׁם שׁוֹטֵף, וְזֶרֶם מַיִם כַּבִּירִים [כְּפִירוֹת וְאֶפִּיקוֹרְסוּת]**" – ער האט ממטיר געווען אויף דער וועלט א "גשם שוטף וזרם מים כבירים" פון כפירות ואפיקורסות. ס'איז א פלא פון די פלאות הבורא, דאס וואס דער רבונו של עולם האט ממטיר געווען אויף דער וועלט "זרם מים כבירים, כפירות ואפיקורסות...".

"**מֵאֲרֻבּוֹת הַשָּׁמַיִם אֲשֶׁר פָּתַח בַּיָּמִים הָאֵלֶּה** [היינטיגע צייטן], **עַד אֲשֶׁר נִתְכַּסּוּ כָּל הֶהָרִים הַגְּבוֹהִים**". וואס הייסט "הרים הגבוהים"? – "**הַנִּכְבָּדִים וְאַנְשֵׁי הַשֵּׁם**". די חשוב'סטע, די בעסטע, אלע זענען באגאסן געווארן מיט אפיקורסות [לא].

דער אויבערשטער האט ממטיר געווען אויף דער וועלט, מיט זיינע פלאות. אונז ווייסן נישט פארוואס. דער רבש"ע, וואס ברוב סתריו האט פארשטאנען – אזוי האט ער מחליט געווען, אז מ'דארף אנגיסן די וועלט מיט אפיקורסות. אזא מבול זאל באגיסן די גאנצע וועלט, איבערגיסן אלעמען... די שענסטע און די בעסטע, די גרעסטע צדיקים, די גרעסטע נכבדים ואנשי השם... אלע; די שענסטע און די בעסטע, די בעסטע משפחות, די בעסטע ירושות פון וואו מ'קומט – אלע ווערן באגאסן... "**כָּל הֶהָרִים הַגְּבֹהִים אֲשֶׁר תַּחַת כָּל הַשָּׁמָיִם**".

---

**לא.** ראה בשיש"ק החדש חלק ג' ערך אפיקורסות וחקירות.

אבער "**וְעִם כָּל זֹאת**" – מיט דעם אלעס, "**בְּרוֹב חֶמְלָתוֹ, הִקְדִּים רְפוּאָה וּתְעָלָה לְמַחֲלוֹתֵינוּ**" – האט ער אנגעגרייט, פאר'ן מבול האט ער אנגעגרייט א גרויסע רפואה פאר אונזער מחלה, פאר די מחלת-האפיקורסות.

"**וְשָׁלַח לָנוּ בַּדּוֹרוֹת הַסְּמוּכִים**" – און ער האט אונז געשיקט אין די נאנטע דורות דא, "**אִישׁ כִּלְבָבוֹ**" – איינער וואס אים איז צום הארצן, "**אֲשֶׁר מָצָא חֵן בְּעֵינָיו**" – וואס ער האט חן ביי אים [אזוי ווי ס'שטייט ביי נח'ן: "וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה'"].

"**וַיִּקְרָא שְׁמוֹ לֵאמֹר**" – ער האט אים א נאמען געגעבן. וואס איז זיין נאמען? "**זֶה יְנַחֲמֵנוּ מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן יָדֵינוּ**". דעם רבי'נס נאמען – "זה ינחמנ"ו ממעשינו ומעצבון ידינו". ער האט אים א נאמען געגעבן, דעם 'איש כלבבו', וואס ער האט אים געשיקט, אים אנגעגרייט אלץ א רפואה פאר די מחלה פון די אפיקורסות, וואס ס'איז באגאסן געווארן אויף דער דור.

"**וְצִוָּהוּ לוֹ לִבְנוֹת תֵּבַת הָאֱמֶת וְהָאֱמוּנָה**" – ער האט אים אנגעזאגט. דער הייליגער באשעפער האט אנגעזאגט דעם הייליגן רבי'ן: "לבנות תיבת האמת והאמונה". דו דארפסט בויען א תיבה פון אמת מיט אמונה, מ'זאל זיך קענען ראטעווען פון דעם גאנצן מבול פון אפיקורסות.

"**אֲשֶׁר כָּל הַכָּתוּב לַחַיִּים, לְהִנָּצֵל מֵחֶבְלוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ**". ס'שטייט[לב] אין נביא: "כָּל הַכָּתוּב לַחַיִּים", די וואס זענען פארשריבן געווארן. עס זענען דא סודות פארוואס מענטשן ווערן פארשוועקט אין אפיקורסות. ס'איז באהאלטענע חשבונות פונעם אויבערשטן, פון אלע דורות... מ'ווייסט נישט פארוואס ס'צאלט זיך אין דעם... אז ס'צאלט זיך; אז מ'ווארפט אראפ דעם מענטשן, מ'ווארפט אים אריין אין אפיקורסות, ה' ירחם.

אבער ס'איז דא אזעלכע מענטשן וואס זענען אפגעשריבן געווארן – זיי זאלן לעבן. זיי זאלן געראטעוועט ווערן פון די אפיקורסות. "כל הכתוב

**לב.** ישעיה ג, ד.

לחיים", די אלע וואס זענען אפגעשריבן געווארן, מ'רופט עס: "נכתב בספרן של צדיקים". די אלע וואס זענען אפגעשריבן לחיים, צו געראטעוועט ווערן פון דעם חבלו של משיח.

איז ווען ס'איז אנגעשריבן צו לעבן – "**בּוֹא יָבוֹא בַּחֲדָרֶיהָ**", זאל אריינגיין אין די תיבה. "**וְיִסָּגֵר בְּדַלְתוֹתֶיהָ**" – ער דארף אריינגיין אין די טירן. "**וְיֵחָבֵא**" – ער זאל זיך באהאלטן. "**וְיֶחֱסֶה בְּצִלָּהּ**" – ער זאל זיך שיצן אין איר שאטן. ער זאל זיך באשיצן אין דעם שאטן פון די תיבת האמת והאמונה, וואס דער אויבערשטער האט אים געהייסן אנגרייטן.

וואס איז דער שאטן וואס ער האט אנגעגרייט? זאגט ער: "**בְּצִלָּהּ**" – שטייט אין פסוק[לג]: "בְּצֵל הַחָכְמָה, בְּצֵל הַכָּסֶף". וואס איז צל הכסף? "**צֵל הַכֶּסֶ"ף לַה' וּלְתוֹרָתוֹ**". די תיבה גרייט אן א שאטן, וואס ס'איז א 'צל הכסף'. ס'איז א צל וואס מאכט בענקען צום אויבערשטן (כס"ף מלשון כיסופים). די תיבה איז א פלאץ וואס מאכט, אז מ'זאל קענען האבן כיסופים צום אויבערשטן. **און אזוי אויך** – "**צֵל הַחָכְמָה וְהַתְּבוּנָה וְהַדַּעַת**", דא איז א שאטן פון חכמה אמיתית, פון תבונה ודעת.

מיט דעם, מיט די שאטן'ס – דער שאטן פון כיסופים צום אויבערשטן, דער שאטן פון די 'החכמה והתבונה והדעת' – מיט דעם וועט מען זיין באשיצט אין דעם מבול! אזוי האט דער אויבערשטער געהייסן אט דעם צדיק, דער הייליגן רבי'ן, "זה ינחמנ"ו". ער האט אים געהייסן אנגרייטן א תיבה, אז ווען ס'איז אפגעשריבן געווארן צו געראטעוועט ווערן פון דער אפיקורסות, זאל אריינגיין און זיך באשיצן אין דעם 'צל הכסף', אין דעם 'צל החכמה'.

---

**לג.** קהלת ז, יב.

## "גן ועדן ספרו הקדוש, ליקוטי מוהר"ן"

הויבט ער אן מסביר זיין: ווילסט פארשטיין וואס הייסט עס? וואס איז די תיבה? – "**כִּי מִי יְהַלֵּל, מִי יְמַלֵּל גְּבוּרוֹתָיו וְנִפְלְאוֹתָיו**" – ווער קען לויבן, ווער קען ארומרעדן די גבורות און די וואונדערן פון דעם הייליגן רבי'ן, "**אֲשֶׁר הִפְלִיא לְהַרְאוֹת**" – וואס ער האט באוואונדערט צו ווייזן – "**גַּם בַּהֲדַר תִּפְאֶרֶת לִקּוּטָיו הַקְּדוֹשִׁים**" – אין די שיינקייט פון זיינע הייליגע ליקוטים – "**הַשְּׁתוּלִים וּנְטוּעִים בְּגַן וְעֵדֶן סִפְרוֹ הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן**".

דער ליקוטי מוהר"ן דאס איז א "גן ועדן", וואס דאס איז די תיבה וואס ער האט פריער גערעדט, און דארטן איז איינגעפלאנצט געוואלדיגע ליקוטים. פארוואס רופט זיך עס ליקוטים? "**הַנִּלְקָטִים וְנִלְקָחִים מִשְּׂדֵה הַחָכְמָה עִלָּאָה**". דאס הייסט אז דער רבי האט מלקט געווען פון די 'שדה החכמה עלאה' דעם ליקוטי מוהר"ן. ער האט דארטן מלקט געווען גרויסע זאכן, פון שדה החכמה עלאה.

ס'איז דא א פעלד, וואס דאס איז די חכמה עלאה, און דער רבי האט דארטן מלקט געווען מזון, אזוי ווי נח האט מלקט געווען מזון צו אריינעמען אין תיבה, צו שפייזן אלע וואס דארפן געראטעוועט ווערן.

האט דער רבי מלקט געווען אין "**שְׂדֵה הַחָכְמָה עִלָּאָה דְּאוֹרָיְיתָא נָפְקַת מִתַּמָּן**", פון די שדה החכמה וואס פון דארטן קומט ארויס די תורה – פון די שרשי התורה – האט דער רבי אנגעגרייט "**לְהָכִין וּלְהַזְמִין טֶרֶף וּמָזוֹן לְאַנְשֵׁי בֵיתוֹ וּלְכָל נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל, מְזוֹנָא דְנִשְׁמְתָא וְרוּחָא וְנַפְשָׁא**".

ער גרייט אן מזון, מ'זאל האבן פון דעם מזון, "**שֶׁיִּתְעַנְּגוּ וְיִתְעַדְּנוּ**" – ס'איז געגעבן געווארן אז מ'דארף זיך מתענג זיין. פון דעם זאל מען לעבן! מ'זאל לעבן פון דעם ליקוטי מוהר"ן! "**שֶׁיִּתְעַנְּגוּ וְיִתְעַדְּנוּ בִּנְעִימַת הַחָכְמָה וְהַתְּבוּנָה**" – מ'זאל שפירן די נעימות-החכמה-והתבונה.

וואס איז די הגדרה פון 'נעימות החכמה והתבונה'? זאגט ער: "**בַּנִּסְתָּרוֹת הַטִּבְעִיּוֹת הָרוּחָנִיּוֹת דְּרוּחָנִיּוֹת, אֲשֶׁר הִטְבִּיעַ הַבּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים**". דאס הייסט אז מ'זאל זיך מתענג זיין מיט די חכמה – וואספארא חכמה? פון די 'נסתרות הטבעיות הרוחניות דרוחניות'. ס'איז דא טבע, ס'איז דא טבע השם ירחם... אבער ס'איז דא א אמת'ער טבע – "**אֲשֶׁר הִטְבִּיעַ הַבּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בְּהֶעְדֵּר תַּכְלִית תַּעֲלוּמַת חָכְמָתוֹ**".

[שואל: וואס איז די הדגשה "טבע"?] **דער ליקוטי מוהר"ן** – דאס איז דער טבע הרוחני, דער אמת'ער טבע פון די וועלט. **די אלע עצות וואס דער רבי זאגט, דאס איז דער אמת'ער טבע פון דער וועלט. דאס פירט די וועלט**, דאס איז דער טבע אמיתי פון דער וועלט.

אז דער רבי זאגט[לד] אז דורך דעם וואס מ'איז עוסק בתורה איז מען זוכה צו חן – דאס איז דער אמת'ער טבע. דורך דעם, דורך דעם וואס מ'איז זיך מתבטל (נו"ן), וועט מען מקבל זיין פון דעם חי"ת, און דורך דעם ווערט נתקבל אלע תפילות (תי"ו). דאס איז דער טבע אמיתי!

ווען א איד זאגט: "רבונו של עולם – האסט אונז געזאגט אז ווען מ'וועט לערנען די תורה וועט מען זוכה זיין צום חן, און די תפילות וועלן נתקבל ווערן" – האט ער גערעדט צום אויבערשטן אמת'ע זאכן; ער זאגט אמת'ע טענות, ווייל דאס איז דער טבע אמיתי! דאס איז דער טבע. דער טבע איז אז ווען מ'גייט מיט דעם ח"ן, איז מען זוכה אז די תפילות זאלן נתקבל ווערן...

און אזוי איז יעדער תורה – יעדער פרט פון יעדער תורה – "**אשר הטביע**": דאס איז דער טבע וואס דער רבונו של עולם האט מטביע געווען "**בהעדר תכלית תעלומת חכמתו**", די גרויסקייט אָן א תכלית. 'בהעדר תכלית תעלומות חכמתו' פון דעם אויבערשטן, האט ער מטביע געווען אזא טבע... און דאס האט דער רבי משיג געווען!

---

**לד.** ליקוטי מוהר"ן תורה א.

דאס האט דער רבי מלקט געווען פון "שדה החכמה עלאה", און ער האט אונז געגעבן אז מיר זאלן זיך שפייזן פון די חכמה. דאס דארף זיין אונזער שפייז! דאס איז דער 'צל החכמה' און דער 'צל הכסף'. דאס דארף ארויסברענגען – פון אזעלכע תורות, (דארף ווערן) אזעלכע תפילות, אזעלכע כיסופים – דאס דארף ארויסקומען פון די תורות!

## "אין לבוא בשערי ארמנותיהם – כי אם בהתקשרות האמונה"

פירט ער אויס ווייטער: **"וְהִפְלִיא בְּפִלְאֵי נִפְלְאוֹתָיו בְּכָל דָּבָר וְדָבָר וּבְכָל עִנְיָן וְעִנְיָן"**. דער הייליגער רבי, חוץ וואס ער האט געשריבן, האט ער מפליא געווען בפלאי נפלאותיו אין יעדער זאך. **"כַּנּוֹדָע כָּל זֹאת, לַמַּשְׂכִּיל וּמַעֲמִיק דְּבָרָיו הַנּוֹרָאִים"** – אז ווער ס'איז משכיל און ער גייט אריין טיף אין די תורות פון רבי'ן, זעהט ער אז דא איז נישט נאר וואס ס'שטייט, נישט נאר וואס שטייט פון אויבן וואס מ'זעהט, נאר: "והפליא בפלאי נפלאותיו בכל דבר ודבר ובכל ענין וענין".

**אז וואס? "אֲשֶׁר אֵין לָבוֹא בְּשַׁעֲרֵי אַרְמְנוֹתֵיהֶם"** – מ'קען נישט אריינגיין אין די ארמונות, אין די תיבה פון דעם הייליגן רבי'ן, אין די תורות פון רבי'ן – **"כִּי אִם בְּהִתְקַשְּׁרוּת הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה"**.

ער האט אנגעגרייט א זאך, און מ'קען נישט אריינגיין אין דעם, נאר מיט אמונה: **"כִּי אִם בְּהִתְקַשְּׁרוּת הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, וּלְהַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה כִּי כִּפְלַיִם לְתוּשִׁיָּה"**. אזוי ווי רבי נתן שרייבט (בהקדמת הליקו"מ), אז מ'דארף גלויבן, אין יעדער תורה דארף מ'גלויבן אז ס'איז **"כפליים לתושיה"** – וויפל דו לערנסט, וועסטו אלעמאל זעהן מער, אז ס'איז אסאך מער... **זאלסט עס זעהן מיט די אויגן!**

דער רבי זאגט אין א תורה [אין צווייטן חלק, די תורה פון ספר הנשרף[לה], זאגט דער רבי דעם לשון דארטן]: **"כי עיקר החכמה - שישכיל שרחוק ממנו החכמה"**. דער עיקר חכמה איז, אז מ'זאל וויסן אז מ'איז ווייט פון די חכמה.

וואס הייסט? אז דו האסט דערהערט א תורה פון רבי'ן, און דו האסט דערהערט אז דו ביסט ווייט פון א תורה פון רבי'ן – וואס מער דו גייסט אריין אין א תורה פון רבי'ן, זאלסטו הערן מער ווי ווייט דו ביסט פון דעם.

וואס דא טוט זיך... מ'לערנט יעצט די תורה פון "אנכי" (תורה ד'). מ'לערנט די תורה און מ'גייט אריין אין דעם, מ'לערנט און מ'לערנט און מ'לערנט – אינמיטן קומט מען אן צום (ביאור פון דעם) "רבה בר בר חנה", הויבט זיך אן אזעלכע נייע זאכן. רבונו של עולם, רבש"ע... מיר וויסן פון רבי אברהמ'ען[לו]

---

**לה.** תורה פ"ג תנינא: וְתַכְלִית זֶה בְּחִינַת (קהלת ז): אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה, וְהִיא רְחֹקָה מִמֶּנִּי, הַיְנוּ זֶה עִקַּר הַחָכְמָה - שֶׁיַּשְׂכִּיל שֶׁרָחוֹק מִמֶּנּוּ הַחָכְמָה.

וראה בליקוטי הלכות תפילה ד, ט: כִּי כָּל הַבְּרִיאָה הָיְתָה עַל־יְדֵי הַחָכְמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ", וְהַחָכְמָה הִיא חִיּוּת הַכֹּל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "הַחָכְמָה תְּחַיֶּה". אֲבָל עִקַּר הַחָכְמָה הִיא לְיִרְאָה אֶת ה' וְלַעֲבֹד אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה'" וְכוּ', כִּי עִקַּר אֲמִתִּיַּת הַחָכְמָה הוּא לָדַעַת שֶׁרָחוֹק מִמֶּנּוּ הַחָכְמָה, בִּבְחִינַת "אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה וְהִיא רְחוֹקָה מִמֶּנִּי" וְכוּ', כַּמְבֹאָר בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זַ"ל (בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן פג), שֶׁעִקַּר הַחָכְמָה שֶׁיַּשְׂכִּיל שֶׁרָחוֹק מִמֶּנּוּ הַחָכְמָה. כִּי בֶּאֱמֶת "אֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה וְאֵין עֵצָה לְנֶגֶד ה'", וְעִקַּר הַחָכְמָה הָאֲמִתִּיִּית הוּא, מִי שֶׁזּוֹכֶה לַשֵּׂכֶל הָאֱמֶת לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל הָאֱמֶת, שֶׁהָעִקָּר הוּא לַעֲבֹד אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת גָּמוּר, וְעַל־יְדֵי־זֶה דַּיְקָא יִזְכֶּה לְעִקַּר הַחָכְמָה הָאֲמִתִּיִּית, דְּהַיְנוּ לָדַעַת אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת שֶׁזֶּה עִקַּר הַחָכְמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אַל יִתְהַלֵּל חָכָם בְּחָכְמָתוֹ וְכוּ' כִּי אִם בְּזֹאת יִתְהַלֵּל הַמִּתְהַלֵּל הַשְׂכֵּל וְיָדֹעַ אוֹתִי", וּכְתִיב "יִרְאַת ה' רֵאשִׁית דָּעַת".

ובהל' שלוח הקן ה, י"ח: שֶׁזֶּהוּ כָּל חָכְמַת יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים וְהַצַּדִּיקִים שֶׁאֲפִלּוּ מִי שֶׁזּוֹכֶה לְחָכְמָה גְּדוֹלָה וְדַעַת אֲמִתִּי בִּידִיעָתוֹ יִתְבָּרַךְ הוּא יוֹדֵעַ בְּכָל פַּעַם הִתְרַחֲקוּתוֹ יוֹתֵר וְכַנַּ"ל, כִּי זֶה עִקַּר הַחָכְמָה שֶׁיַּשְׂכִּיל שֶׁרָחוֹק מִמֶּנּוּ הַחָכְמָה (וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא בְּסִימָן פג). מִכָּל שֶׁכֵּן מִי שֶׁדַּעְתּוֹ קְטַנָּה עֲדַיִן שֶׁהוּא צָרִיךְ בְּוַדַּאי לֵידַע כַּמָּה הוּא רָחוֹק מִן הַחָכְמָה, בִּפְרָט מִי שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁלֹּא קִדֵּשׁ אֶת גּוּפוֹ עֲדַיִן וַעֲדַיִן יֵשׁ לוֹ שֶׁמֶץ מֵאֵיזֶה תַּאֲוָה שֶׁלֹּא שִׁבְּרָהּ בִּשְׁלֵמוּת שֶׁבְּוַדַּאי עֲדַיִן אֵין דַּעְתּוֹ שְׁלֵמָה, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן מִי שֶׁיּוֹדֵעַ פְּגָמָיו וְלִכְלוּכָיו בְּכָל הַתַּאֲוֹת שֶׁבְּוַדַּאי צָרִיךְ עַל כָּל פָּנִים לֵידַע כַּמָּה הוּא רָחוֹק מִדַּעַת הַשָּׁלֵם שֶׁל צַדִּיקִים וּכְשֵׁרִים אֲמִתִּיִּים וכו'.

**לו.** הכלל הי"ז בח"י הכללים.

אז דער רבי לייגט נישט צו [אויך רבי נתן שרייבט עס אין ליקוטי הלכות[לז]], אז דער רבי קומט נישט ביי רבה בר בר חנה שרייבן נייע זאכן.

פלוצלונג, דער "רבה בר בר חנה" – פון אנהייב ביזן סוף – איז נייע זאכן; ער זאגט נייע זאכן, משדד עמקים... "וואס טוט זיך דא? וואס טוט זיך?!" אביסל שמעקט מען, אביסל, און מ'זעהט וואס דא טוט זיך... אין יעדער תורה אזוי – מ'זעהט אז ס'טוט זיך דא זאכן. ס'טוט זיך דא זאכן, ס'איז אסאך מער ווי פון אויבן איז! ס'שטייט דא... ס'טוט זיך דא זאכן!

דער רבי קומט צו שפעטער[לח] צו דעם (ביאור פון פסוק) "אנכי" – ער איז גארנישט מבאר. ער איז מסביר "**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ**", ער איז גארנישט מבאר; נישט קיין וידוי דברים, ער איז נישט מבאר די אנדערע, נישט די אנדערע צוויי בחינות (צדקה און ראיית פני הצדיק), גארנישט. "**אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**" – שטייט אפילו נישט דערמאנט (אין פסוק) דעם צדיק; אבער עס מיינט דעם צדיק. "**אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים**" – דאס איז דער צדיק. אלעס ווערט דורך התקרבות לצדיק!

דער רבי שניידט – דו זעהסט עס, ס'טוט זיך... דא טוט זיך!

---

**לז.** ראה לדוגמא בליקוטי הלכות הל' ראשית הגז ב, א. לא ילבש גבר ב, א. אפוטרופוס ב, ב. דיינים ג, ט. ועוד.

**לח.** עיי"ש באות י': וְזֶה פֵּרוּשׁ: "אָנֹכִי ה' אֱלֹהֶיךָ" - פֵּרוּשׁ, הֵן ה' הֵן אֱלֹהֶיךָ **תָּבִין שֶׁכָּל זאת אָנֹכִי, הַיְנוּ שֶׁתְּקַיֵּם: "בַּה אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלהִים אֲהַלֵּל דָּבָר"** הַיְנוּ כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, כַּנַּ"ל. "אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם" - דְּאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה טז) כִּי כָּל הַגָּלֻיּוֹת נִקְרָאִים עַל שֵׁם גָּלוּת מִצְרַיִם, מִפְּנֵי שֶׁהֵם מְצֵרִים לְיִשְׂרָאֵל. הַיְנוּ **שֶׁעַל יְדֵי הַצַּדִּיק, נִתְבַּטֵּל מַלְכוּתָם וּמֶמְשַׁלְתָּם שֶׁל הָעַכּוּ"ם**, כִּי עַל יְדֵי זֶה עוֹלָה מִתּוֹכָם מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל. "מִבֵּית עֲבָדִים" - זֶה רֶמֶז עַל בִּטּוּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁל אַרְבַּע יְסוֹדוֹת, הַמְכֻנִּים בְּשֵׁם עֲבָדִים, כִּי כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת הֵם מִתַּחַת גַּלְגַּל הַיָּרֵחַ. וְהַיָּרֵחַ מְכֻנֶּה בְּשֵׁם עֶבֶד, כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר (וַיֵּשֶׁב קפ"א): "הִנֵּה יַשְׂכִּיל עַבְדִּי" - דָּא סִיהֲרָא. פֵּרוּשׁ, עַל יְדֵי הַצַּדִּיק עוֹלָה הַמַּלְכוּת מִן הַסִּטְרָא אָחֳרָא, וְנִתְבַּטְּלִים הַמִּדּוֹת רָעוֹת, וְעַל יְדֵי זֶה הָאָדָם בָּא לִבְחִינַת עוֹלָם הַבָּא לִבְחִינַת "בַּה אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלהִים אֲהַלֵּל דָּבָר".

## ווי אזוי האט דער "חזון איש" אפגעפרעגט די תירוץ?

אבער אן אמונת חכמים הויבט זיך גארנישט אן... איך האב אמאל געהערט א גאנצע שמועס פון ר' יעקב מאיר'ן [שכטער]: ער האט גערעדט אויף די ערשטע הלכה אין ליקוטי הלכות, וואס רבי נתן האט מחדש געווען אויף די תורה פון "אזמרה". האט ער געזאגט, אז מ'זעט פון די חידושים וואס רבי נתן שרייבט אין די ערשטע הלכה, זעהט מען די אמונת חכמים וואס רבי נתן האט געהאט!

ווען מ'זעהט די תורה אזמרה, אויב מ'קוקט פון אויבן אויף, וואו זעהט מען דארט אזעלכע חידושים וואס רבי נתן האט ארויסגעשריבן? וואס ער האט געפונען דארט, אז "כהנים בעבודתם ולוים בדוכנם וישראל במעמדם" – די גאנצע סדר התפילה. וואס האט ער נישט געטראפן דארט... וואו האט ער דאס געטראפן, די אלע זאכן?! דאס אלעס איז נאר מכח אמונת חכמים! נאר מכח אמונת חכמים!!!

האט ער דערציילט א מעשה[לט], אז ס'איז געווען אין זיינע צייטן - געדענקט ער - אז ס'האט זיך געדרייט א קשיא אין די ישיבות, ס'איז געווען עפעס א שווערער מהרש"א... ביז איינער איז געקומען און פארענטפערט

---

**לט.** ראה "ונכתב בספר" עמ' פ"ח: שמעתי עובדא, עוד בימי חייו של החזון איש זיע"א, שבאחת הישיבות התייגעו בחורי הישיבה בביאור מהרש"א קשה, שאף אחד מלומדי הישיבה לא ירד לסוף דעתו, גם ראשי הישיבה לא הבינו את דברי המהרש"א ,עד כדי כך שהיה נראה להם שאין דבריו מכוונים כלל לדברי התוס'. נמנו וגמרו כמה מבחורי הישיבה לרדת לגאון ישראל החזון איש זי"ע שיפתח עיניהם בכוונת המהרש"א, שלא יהיו דבריו נראים כסותרים את דברי הגמ' והתוס' ח"ו. ואמנם לאחר עיון קצר ראה החזון איש כי הדברים אכן מוקשי ההבנה, וביקש אותם לתת לו זמן לעיין עד שיזכה להבין את דברי המהרש"א לאשורם. וכידוע אין לשער ולתאר את יגיעתו הגדולה של החזון איש בתורה - הוא נכנס לעומק הסוגיא מראשיתה, עד שכשהגיעו הבחורים אליו בשניה, הכה באצבע צרידה וקרא לעברם: "אנו עמי הארץ" ואין לנו חלילה לתלות בוקי וסריקי בדבריו הקדושים העמוקים מני ים של המהרש"א. הוא הוכיח להם כיצד המהרש"א למד את

מיט א מורא'דיגן תירוץ. איך האב שוין פארגעסן פונקטליך די פרטים, איך מיין אז ס'איז געווען אזוי: דער מהרש"א איז געבליבן מיט א קשיא אויף תוספות, און איינער איז געקומען און האט פארענטפערט דעם תוספות, און ס'האט גע'רעש'ט. דער תירוץ האט גע'רעש'ט אין אלע ישיבות!

מ'איז געקומען צום "חזון איש", און דער חזון איש האט געזאגט: "נישטא אזא זאך! דער מהרש"א איז געבליבן מיט א קשיא אויף תוספות, האסטו נישט קיין תירוץ אויף דעם... נישטא אזא זאך". אבער ער זאגט דאך, ער האט דאך א גאונ'ישן תירוץ... האט זיך דער חזון איש אריינגעלייגט אין א יגיעה נוראה, ער האט געהארעוועט, געהארעוועט... ביז ער האט אויפגעוויזן אז דער תירוץ איז נישט קיין תירוץ, און די קשיא פון מהרש"א בלייבט ווייטער א קשיא און מ'האט נישט קיין פשט אין תוספות.

האט ער (הגרי"מ) געזאגט: דער חזון איש האט געהאט אזא יגיעה אין דעם, און שפעטער האבן אלע געזען די גאונות פון חזון איש. אבער וואס איז געליגן אונטער דעם? די אמונת חכמים פון חזון איש – אז ס'קען נישט זיין אזא זאך אז מ'וועט פשוט פארענטפערן א קשיא פון מהרש"א. נישטא אזא זאך אז דיר זאל איינפאלן א (נייע) תירוץ אויף א קשיא פון מהרש"א. ס'קען נישט זיין אזא זאך...

(אזוי האט דער חזון-איש געהארעוועט) ביז ער האט אויסגעפונען אז מ'האט נישט גוט געלערנט דעם פשט... ביז ער האט פארשטאנען פון דעם, אז די קשיא פון מהרש"א בלייבט קשיא, און דער תוספות בלייבט שווער. האט ער גערעדט אז דאס הייסט אמונת חכמים - אז מ'האט אמונת חכמים, גייט מען אריין אין "עיון" אנדערש[מ].

---

סוגיית הגמ' והתוס', וע"פ דבריו הק' האירו דברי הגמ' כשמש בצהרים. וכל לומדי הישיבה התענגו על צוף אמריו של המהרש"א.

**מ.** ראה אוסף מכתבים מאמרי שב"ק אות ה': ענין זה אמר גם החזון איש זי"ע גם בנוגע ללימוד תורה שבע"פ בעיון. אם מאמין בכל דבר ופרט המובא בש"ס באמונה תמימה וחזקה, יזכה

און דאס, זאגט ער, האט רבי נתן געהאט אין רבי'ן. דערפאר האט ער מחדש געווען אזעלכע חידושים. אז מ'ווייסט, מ'האט אמונה אין רבי'ן... דאס האט מען געלערנט פריער: אז נאך פאר מ'האט א תירוץ, ווייסט מען; מ'האט אמונה. מ'האט אמונה אז דא טוט זיך.

## נישט מוחל זיין די קושיות...

ווען א מענטש קומט צום ליקוטי מוהר"ן, ער איז מוחל דעם ליקוטי מוהר"ן אזעלכע שווערע קושיות... דער איינציגסטער וואס ער האט נישט מסכים געווען צו מוחל זיין, איז געווען רבי אברהם בן רבי נחמן. ס'איז דא א קשיא? – איך קויף נישט תירוצים סתם! נע, ס'איז א קשיא! קושיות... און ער האט נאך אויסגעלערנט אלעמען: "מ'דארף פרעגן קושיות אין ליקוטי מוהר"ן! מ'דארף פרעגן קושיות, און מ'דארף אריינגיין אין דעם...".

וואס איז דאס? די קושיות – דאס איז די אמונת חכמים! ווען עפעס א אדם-ריק זאגט עפעס, פרעגסטו א קשיא? אויף ווען פרעגסטו? וואס ליגט שוין אין זיינע ווערטער?!... פרעגסט א קשיא?!

אבער אז דער רבי זאגט, פרעגט מען קושיות![מא] א מענטש גלויבט. א מענטש גלויבט אין א תורה פון רבי'ן, און ער זעהט אז ס'שטימט נישט –

---

להבין דבריהם הקדושים ע"י שיודע שהם ודאי אמת. ואם יהיו לו קושיות ויגע עצמו להבינם יזכה שיתגלו לו עומק דבריהם ז"ל דוקא ע"י שהתייגע בקושיות.

**מא.** ראה כוכבי אור שיחות וסיפורים מ"ג: הָרַב זַ"ל מִטְשֶׁערִין שֶׁשָּׁמַע מֵאָבִי אָבִיו הָרַב רַבִּי אַהֲרֹן זַ"ל מִבְּרֶסְלֶב, שֶׁנִּכְנַס פַּעַם אַחַת לְרַבֵּנוּ זַ"ל וְאָמַר לוֹ (קְצָת בִּלְשׁוֹן תּוֹכָחָה), לָמָּה לֹא תִּקַּח אֶת סִפְרִי וּתְעַיֵּן בּוֹ הֵיטֵב עַד שֶׁיַּעֲלֶה עַל דַּעְתְּךָ אֵיזֶה קַשְׁיָא, וְאַחַר־כָּךְ תּוֹסִיף וּתְעַיֵּן בּוֹ עַד שֶׁתָּבִין וְתֵדַע אֶת הַתֵּרוּץ שֶׁעַל זֶה. וְכִשְׁמֹעַ הָרַב אֶת דְּבָרָיו חָזַר לְבֵיתוֹ וּפָתַח אֶת הַסֵּפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וְהִתְחִיל לְעַיֵּן בּוֹ, עַד שֶׁעָלָה עַל דַּעְתּוֹ קַשְׁיָא וּפְלִיאָה בִּדְבָרָיו, וְאַחַר־כָּךְ הוֹסִיף לִלְמֹד וּלְעַיֵּן בּוֹ עַד שֶׁעָלָה עַל דַּעְתּוֹ הַתֵּרוּץ וְהַתְּשׁוּבָה שֶׁעַל הַקַּשְׁיָא הַזֹּאת. וְחָזַר אַחַר־כָּךְ לְרַבֵּנוּ זַ"ל וְאָמַר לְפָנָיו אֶת הַקַּשְׁיָא וְהַתֵּרוּץ וְהוּטְבוּ דְּבָרָיו בְּעֵינֵי רַבֵּנוּ זַ"ל. וְאָמַר לוֹ אֲנִי יוֹדֵעַ מֵאֶחָד שֶׁחִבֵּר פֵּרוּשׁ עַל הַזֹּהַר וְלֹא בְּרוּחַ

זאגט ער נישט: "איך בין מוחל דעם רבי'ן" – נאר אז עפעס שטימט אים נישט, טוט עס אים וויי.

רבי אברהם האט אויסגעוויינט זיינע אויגן! אויסגעוויינט זיינע אויגן[מב]... ער האט זיך בלינד געמאכט זיינע אויגן, כדי צו פארשטיין דעם רבי'נס תורות – 'וואס טוט זיך דא? וואס שטייט אין די תורות?!' – ווייל ער האט געגלויבט אין רבי'ן!

דאס איז דער עיקר. **דער עיקר פון דעם עיון אין ליקוטי מוהר"ן איז דער גלויבן אין רבי'ן**. און וואס מער מ'גלויבט, זעהט מען מער אז מ'פארשטייט נישט, און מ'דערשרעקט זיך נישט פון דעם אז מ'פארשטייט נישט[מג].

מ'וויל פארשטיין, אבער נישט אז מ'פארשטייט נישט לייגט מען אוועק. אז מ'פארשטייט נישט, איז אדרבא, זעהט מען מער ווי דער רבי איז גרויס! באקומט מען מער די אמונה אין רבי'ן. מ'באקומט מער די אמונה אין רבי'ן, ווייסט מען מער אז מ'דארף זיך אנשטרענגען, גייט מען ווייטער... די אמונה געבט די כח צו זיך מתייגע זיין ווייטער.

**וואס מער מ'זעהט אז מ'פארשטייט נישט, פארשטייט מען מער די גרויסקייט פון רבי'ן**, און נישט אז מ'פארשטייט נישט זאגט מען 'שוין, איך

---

הַקֹּדֶשׁ, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן כִּוֵּן אֶל הָאֱמֶת. (כָּל זֶה שָׁמַעְתִּי מֵאִישׁ אֶחָד שֶׁשָּׁמַע זֹאת מִפִּי הָרַב זַ"ל מִטְשֶׁערִין וּבְצֵרוּף כָּל זֶה וְהַנַּ"ל בְּאוֹת י"ב תָּבִין גַּם־כֵּן בְּרֹב הַהֶכְרֵחַ וְחִיּוּב וְהַסְּגֻלָּה שֶׁבְּלִמּוּד הָעִיּוּן אֲשֶׁר בְּתוֹרָתוֹ, וְגַם בִּפְשִׁיטוּת לֹא בְּדֶרֶךְ דְּרָשׁ).

**מב.** ראה שיש"ק הישן ג-קנ"ט: כְּשֶׁשָּׁאֲלוּ אֶת רַבִּי אַבְרָהָם, מַדּוּעַ אֵינוֹ מַמְשִׁיךְ לִכְתֹּב חִדּוּשָׁיו עַל לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, עָנָה וְאָמַר: כָּל חִדּוּשַׁי שֶׁכָּתַבְתִּי, כָּתַבְתִּים בַּיְּעָרוֹת וּמִתּוֹךְ בְּכִיּוֹת שֶׁבָּכִיתִי לִפְנֵי כָּל חִדּוּשׁ וְחִדּוּשׁ שֶׁהִתְחַדֵּשׁ לִי וְכָעֵת בְּזִקְנוּתִי אֵין בְּכֹחִי לִבְכּוֹת כָּךְ, מִשּׁוּם כָּךְ פָּסַקְתִּי מִלִּכְתֹּב (ראה ליקו"מ ח"א תו' רס"ב).

**מג** וראה בליקוטי מוהר"ן תורה נ"ב תנינא שהקושיות על הצדיקים זה ענין הכרחי כי הצדיקים מתדמין ליוצרם וכו' כי אי אפשר שנשיג בשכלנו הנהגתו ית' שהוא מרומם ונישא מדעתנו וכו', עיי"ש.

האב נישט כח צו דעם'. אז מ'פארשטייט נישט און מ'זאגט 'איך האב נישט קיין כח', מיינט עס צו זאגן אז דו גלויבסט נישט... אז דו גלויבסט נישט אין דעם מחבר זאגסטו 'איך האב נישט כח צו זיך אנשטרענגען'...

איינער רעדט צו דיר שווערע ווערטער, דו פארשטייסט נישט וואס ער רעדט. זאגסט: "איך פארשטיי נישט וואס ער רעדט, אנטשולדיגט". ער שמייכלט און ער זאגט: "א גוטן טאג! איך פארשטיי נישט, איך האב נישט קיין כח צו דיר..."

אבער ווען מ'ווייסט אז ס'איז דא איינער וואס ער ווייסט יא וואס ער רעדט, ער ווייסט יא וואס ער רעדט! איז וואס טוט זיך דא?! דארף מען (לערנען און זיך מתייגע זיין) נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל, און וויינען און מתפלל זיין. וויסן אז דא איז באהאלטן אלעס! דא איז באהאלטן, **אין דער ליקוטי מוהר"ן איז באהאלטן אלע רפואות! אלעס וואס אונז דארפן!**

אבער דער עיקר איז, אלע מאל די אמונה. און וואס מער דו גייסט אריין, דארף די אמונה ווערן מער און נאך מער.

## "כל דבריו נכונים וקיימים ומועילים לעד"

פירט אויס רבי אברהם אזוי: "**אֲשֶׁר אֵין לָבֹא בְּשַׁעֲרֵי אַרְמוֹנוֹתֵיהֶם כִּי אִם בְּהִתְקַשְּׁרוּת הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, וּלְהַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה כִּי כִּפְלַיִם לְתוּשִׁיָּה, וְעוֹד תַּעֲלוּמוֹת וְנִסְתָּרוֹת הַרְבֵּה בְּכָל עִנְיָן וְעִנְיָן**" – מ'דארף וויסן אז אין יעדן זאך איז נאך דא תעלומות ונסתרות הרבה – "**אֲשֶׁר לֹא גִּלָּה לָנוּ כְּלָל, שֶׁמֵּחֲמַת זֶה קָשֶׁה מְאֹד מְאֹד לִרְאוֹת וּלְהַבִּיט בְּהַפְּעֻלּוֹת הַנּוֹרָאוֹת שֶׁל סְגֻלּוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים**".

"**אֲבָל בֶּאֱמֶת**" – טאקע, ס'איז שווער צו פארשטיין, אבער "**כָּל דְּבָרָיו נְכוֹנִים וְקַיָּמִים, נֶאֱמָנִים וּמוֹעִילִים לָעַד. וּמְסֻגָּלִים גַּם בְּעִנְיְנֵי הַגּוּף**" - וואו דער רבי רעדט פון עניני הגוף, איז עס מסוגל לעניני הגוף... מ'דארף עס גלויבן!

**"לְכָל מְאֹרָע וּתְלָאָה שֶׁעוֹבֵר עַל הָאָדָם"** - איז וואס דארף מען טאן? - **"שֶׁיִּלְמֹד וְיַעֲסֹק הַרְבֵּה בְּהַתּוֹרוֹת הַמְדַבְּרוֹת בְּעִנְיָן הַזֶּה"** – אסאך לערנען די תורות וואס דער רבי רעדט פון דעם. **"וּבְהַתְּפִלּוֹת וְהַהֲלָכוֹת מִמּוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל שֶׁנִּבְנוּ עֲלֵיהֶם"**.

**"וְהָעִקָּר הִיא הָאֱמוּנָה"** - דער עיקר פון דער לימוד איז די אמונה. פארוואס? - **"כִּי עַל יְדֵי זֶה נִתְקַשְּׁרִים וְנִכְלָלִים בְּעֵת עוֹסְקוֹ בָּהֶם"** – מיט דעם, מיט די אמונה, ווערט מען נתקשר און נכלל אין זיי אליין.

דורכן לערנען מיט די אמונה ווערט מען נכלל אין דעם רבי'ן מיט רבי נתן'ען. דאס איז דער עיקר! דער עיקר איז אז דורך די אמונה איז מען זוכה צו נכלל ווערן און ווערן מקושר צום רבי'ן און צו רבי נתן'ען – **"בְּרוּחָם וְנִשְׁמָתָם, הַשּׁוֹרָה עַל אַנְפֵּי דִּבְרֵיהֶם הַקְּדוֹשִׁים"**.

**"וְגַם עַל יְדֵי הָאֱמוּנָה"** – דורך די אמונה - "לא ימלט" זאגט ער, – **"לֹא יִמָּלֵט מִכַּמָּה נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁל הִשְׁתַּדְּלוּת בְּכָל לֵב וְנֶפֶשׁ לְקַיְּמָם וְלַעֲשׂוֹתָם"** – וועסט מאכן אפאר נקודות טובות, וועסטו זוכה זיין צו מקיים זיין!

**אבער דער עיקר איז די אמונה,** דער עיקר איז די אמונה וואס מיט דעם ווערט מען נכלל. וועסט האבן אמונה, איז "לא ימלט" אז עטליכע נקודות טובות וועסטו זוכה זיין צו מקיים זיין. און דורך דעם וואס דו וועסט זוכה זיין צו מקיים זיין "בכל לב ונפש" – **"עַל יְדֵי זֶה יוֹצִיא מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל כֹּחַ סְגֻלּוֹתֵיהֶם, לִפְעֹל פְּעֻלּוֹת גַּם בַּגַּשְׁמִיּוּת"**.

דאס, שרייבט רבי אברהם, אז דאס איז דער ליקוטי מוהר"ן וואס דער רבי האט אונז צוגעגרייט, כדי גערצטעוועט צו ווערן פון די אפיקורסות. דורך דעם וואס מ'לערנט ליקוטי מוהר"ן אויף דעם אופן – וואס מ'לערנט דעם טבע אמיתי, דעם אמת'ן טבע פון די וועלט – ווערט מען ניצול פון די אפיקורסות פון דעם 'טבע הסותר' פון די וועלט, און מ'נעמט זיך צום טבע אמיתי פון די וועלט, און מ'איז זוכה צו פועל'ן ישועות מכוח די תורות פון רבי'ן. מ'איז זוכה אז יעדע זאך וואס מ'דארף, באקומט מען פון רבי'ן.

און דאס איז דער "מזונא דנשמתא" – מ'באקומט א אמת'ן מזון. אנשטאט צו קריגן ה"י א אנדערע מזון, באקומט מען דעם מזון האמיתי! וואס דאס האט דער אויבערשטער צוגעגרייט, און ער האט אנגעזאגט דעם רבי'ן צו אנגרייטן פאר אונז, אז מיט דעם וועלן אלע "כל הכתוב לחיים", געראטעוועט ווערן.

**ווי אזוי וועט מען געראטעוועט ווערן בחבלו של משיח? אלעס מיט די לימודים**, וואס מ'לערנט דעם אמת'ן טבע אמיתי פון די וועלט. איז **וואס איז דער עיקר פון דעם? די אמונת חכמים.**

## דער ליקוטי מוהר"ן זאל רעדן צו מיר...

דאס איז אלעס וואס מ'האט געלערנט דא פריער – דער עיקר איז אמונת חכמים. און דאס איז דער עיקר ראש השנה. אלעס וואס מיר ווייסן פון רבי'ן (איז מיט אמונה), אבער ווען ס'קומט ראש השנה, דארטן ווייסט מען אז ס'איז כולו אמונה. דאס איז דער עיקר פון אלעס. מ'קומט מיט אלעס וואס מ'האט זוכה געווען, מיט יעדן ביסל וואס מ'האט קונה געווען פון רבי'ן, און מ'קומט צום ראש השנה.

מ'קומט צום רבי'ן: *"רבי, איך האב זוכה געווען צו א 'מעט-דמעט'... אבער איך האב זוכה געווען במשך דעם יאר צו לערנען אפאר תורות דיינע, צו וויסן אפאר דיבורים פון דיר, מקיים זיין אביסל דיינע עצות, אביסל צו גלויבן. איך האב זוכה געווען צו נישט צורייסן דיינע ספרים. במשך דעם יאר, האב איך זוכה געווען דיר מכבד צו זיין, נישט ח"ו פארקערט. איך האב זוכה געווען דיר מחשיב צו זיין, נישט רעדן אזוי ווי אנדערע וואס רעדן פארקערט.*

*ברוך השם, איך בין נישט מזלזל אין דיר; איך בין נישט מזלזל אין דיינע מענטשן; איך בין נישט מזלזל אין דיינע ספרים; איך בין נישט מזלזל אין דיין וועג. איך גלויב אז די וועג איז מועיל, נישט אזוי ווי*

*אנדערע וואס ווילן זאגן אז די וועג איז ח"ו... ברוך השם אז איך האלט נישט אזוי. איך האב נישט קיין דעות מיט קיין שיטות קעגן ברסלב. ברוך ה', איך ווייס אז איך ציטער פון טראכטן מחשבות קעגן ברסלב.* ***איך ווייס אז נאר ברסלב...***

*ברוך ה', מיט דעם קום איך! אבער איך בין נאך זייער ווייט... אט איז ראש השנה, איך דארף המתקת הדין. איך וויל א נייע יאר. איך וויל זוכה זיין צו נכתב ונחתם ווערן בספרם של צדיקים אמיתיים. איך וויל זוכה זיין צו נכתב ווערן אין דיין היילגן ספר. איך זאל זוכה זיין צו אריינגיין אין דיין ספר - אז מ'זאל מיר אפשרייבן אין דיין ספר, אז איך זאל זיין אפגעשריבן אין דיין ספר - דער ליקוטי מוהר"ן זאל רעדן צו מיר...".*

דער רבי זאגט[מד] אז "**במגילת ספר כתוב עלי, לעשות רצונך אלוקי חפצתי**" – אז א איד האט רצונות צו פאלגן דעם אויבערשטן, איז אז ער לערנט די ספרים, זעהט ער אז די ספרים זענען געשריבן געווארן פאר אים.

---

**מד.** ליקוטי מוהר"ן תורה קכ"א: אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה בָאתִי בִּמְגִלַּת סֵפֶר כָּתוּב עָלַי, לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ וְכוּ' (תְּהִלִּים מ) כְּשֶׁאָדָם רוֹאֶה וְלוֹמֵד בְּסֵפֶר וּבְכָל מָקוֹם שֶׁהוּא רוֹאֶה וְלוֹמֵד, מוֹצֵא אֶת עַצְמוֹ הַיְנוּ שֶׁלּוֹקֵחַ לְעַצְמוֹ מוּסָר, וְרוֹאֶה פְּחִיתוּתוֹ וְשִׁפְלוּתוֹ בְּכָל מָקוֹם בְּאֵיזֶה סֵפֶר שֶׁהוּא בָּא וּמְעַיֵּן שָׁם זֶה סִימָן שֶׁחָפֵץ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה בָאתִי בִּמְגִלַּת סֵפֶר כָּתוּב עָלַי זֶה סִימָן לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי כַּנַּ"ל.

וראה בליקוטי הלכות פקדון ה, י"א: אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה בָאתִי - הַיְנוּ בְּחִינַת קַבָּלַת הַתּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם, וְזֶהוּ בִּמְגִלַּת סֵפֶר כָּתוּב עָלָי - שֶׁבְּכָל מָקוֹם שֶׁלָּמַדְתִּי בְּאֵיזֶה סֵפֶר הָיָה הַכֹּל כָּתוּב עָלַי שֶׁמָּצָאתִי אֶת עַצְמִי בְּכָל מָקוֹם שֶׁלָּמַדְתִּי בְּאֵיזֶה מְגִלַּת סֵפֶר, כִּי בְּכָל מָקוֹם שֶׁלָּמַדְתִּי הוֹצֵאתִי מִשָּׁם מִשְׁפְּטֵי הַנְהָגוֹת יְשָׁרוֹת לְעַצְמִי וְכוּ'. (וְכֵן מְבֹאָר בְּדְבָרָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ עַל פָּסוּק זֶה (בְּסִימָן קכא) אַךְ עַתָּה עַל פִּי הַתּוֹרָה חֲדִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּסִימָן סא יִתְבָּאֵר הֶמְשֵׁךְ הַפְּסוּקִים שֶׁאַחֲרָיו בְּקֶשֶׁר נִפְלָא). וְעַל יְדֵי זֶה הוֹסַפְתִּי סְפָרִים הַרְבֵּה בַּתּוֹרָה כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר שָׁם שֶׁעַל יְדֵי אֱמוּנַת חֲכָמִים נֶחְשָׁב שֶׁעוֹשֶׂה סְפָרִים הַרְבֵּה כִּי מִתְּחִלָּה לֹא הָיָה זֶה הַסֵּפֶר נֶחְשָׁב אֶצְלוֹ וְהָיָה אֶצְלוֹ כְּלֹא וּלְמוֹתָר, וְעַכְשָׁו חוֹזֵר וְנֶחְשָׁב אֶצְלוֹ כָּל סֵפֶר וְכוּ'. **וּבִפְרָט עַל יְדֵי שֶׁזּוֹכֶה עַכְשָׁו לְהוֹצִיא מִשְׁפְּטֵי הַנְהָגוֹת יְשָׁרוֹת מֵהַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד בָּהֶם שֶׁעַכְשָׁו נֶחְשָׁבִים הַסְּפָרִים כְּשֶׁלּוֹ**, כִּי מִתְּחִלָּה הָיָה רָחוֹק מֵהֶם מְאֹד וְעַכְשָׁו נֶחְשָׁב כָּל סֵפֶר כְּשֶׁלּוֹ, כִּי לֹא הַמִּדְרָשׁ הוּא הָעִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּמִדְרָשׁ רַבָּה

דאס הייסט אז דער ספר איז טאקע געשריבן געווארן – ער איז נכתב געווארן אין דעם ספר, דער ספר מיינט אים!

יעדער יאר ווערן באנייט נאכאמאל די ספרים הקדושים. דער ליקוטי מוהר"ן באנייט זיך נאכאמאל. די ספרים הקדושים באנייען זיך נאכאמאל. מ'נעמט אריין "כל הכתוב לחיים", ווער ס'זאל זוכה זיין צו ארייגגיין אין די תיבה.

אז ס'שטייט אין ליקוטי מוהר"ן[מה] אז א איש הישראלי דארף זוכה זיין "**להסתכל בהשכל של כל דבר**", מיינט מען אים טאקע, מיינט מען אים טאקע! מ'האט געשריבן דעם בריוו צו אים, מ'האט גערעדט צו אים, מ'שרייבט אים. **ער ווערט איבער א נייעס נכתב אין דעם ספר-החיים-טובים פון דעם הייליגן רבי'ן! ער ווערט דארטן נכתב.**

דאס דארפן מיר אויסבעטן, אז מיר זאלן זוכה זיין צו איבער א נייעס אריינגעשריבן ווערן, מיר זאל האבן א גוט יאר, און מיר זאלן נכתב ונחתם ווערן אינגאנצן, חותם בתוך חותם. נכתב ונחתם ווערן אין דעם הייליגן רבי'נס גורל, אין דעם הייליגן רבי'נס ספר. דארטן זאל זיין אונזער פלאץ!

אלעס זאל זיין דארטן – דער ראש השנה, דער יום כיפור, דער תשרי, דער ווינטער, דער זומער, א-ל-ע-ס. יעדער איינער פריוואט, מיט די קינדער, מיט די פרנסה, מיט אלע ענינים וואס גייען דורך דעם יאר – אלעס זאל זיין נכתב. אלעס זאל זיין נכתב מיט דעם רבי'ן.

מ'זאל זיין בספר פרנסה וכלכלה, בספר רפואה. די רפואה זאל זיין פון רבי'נס ספר. פרנסה זאל זיין פון רבי'נס ספר. מיר ווילן נישט קיין אנדערע

---

פָּרָשַׁת בְּחֻקֹּתַי שֶׁהַלּוֹמֵד לַעֲשׂוֹת נֶחְשָׁב כְּאִלּוּ עֲשָׂאוֹ לְדִבְרֵי תּוֹרָה. **וְזֶהוּ "בִּמְגִלַּת סֵפֶר כָּתוּב עָלָי", שֶׁנֶּחְשָׁב כָּל סֵפֶר שֶׁנִּכְתָּב עָלַי וּבִשְׁבִילִי.** וְאָז בְּוַדַּאי: לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי.

**מה.** תורה א.

פרנסה, איך וויל נישט קיין טריפה'נע פרנסה... איך וויל נאר פרנסה דקדושה! איך וויל רפואה דקדושה!

און אזוי אלע חיים טובים – אלעס זאל קומען פון רבי'ן! מיין לעבן זאל זיין א לעבן מיטן רבי'ן. דאס! **דאס דארף מען זיך אויסבעטן. מ'זאל זוכה זיין צו דעם, אינגאנצן נכתב ונחתם ווערן בספרן של צדיקים.**

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו זיך שטארקן, און מיר זאלן זוכה זיין צו האבן א גוט יאר, א געבענטשטער יאר. זאל זיין "**תכלה שנה וקללותיה, תחל שנה וברכותיה**", און זאל זיין אלעס גוט'ס, אמן.

# פניני דחיי

## אמונה בכל דיבור

• א מענטש דארף זיך האלטן שטארק אין אמונת חכמים. אפילו ווען מ'פארשטייט נישט די דיבורים פונעם צדיק, טאר מען זיי נישט אוועקווארפן. מיט די יארן קען מען צוריק-קוקן און זעהן ווי יעדעסווארט האט אינהאלטן, טיפע עצות און הדרכה.

• יעדע שיחה, מעשה אדער רמז פונעם צדיק קען שפעטער ווערן א מקור פון חיזוק און לעבן. וואס היינט זעהט עס אויס ווי א פשוט'ער דיבור, קען מארגן ווערן א קלארע אנווייזונג פארן לעבן.

• די מענטשן אין שטאט ברסלב האבן געהאט אזא אמונת חכמים, אז אין א קורצע צייט איז די גאנצע שטאט געווארן "פול מיטן רבי'ן". זיי האבן געזעהן מופתים און חיות וואו אנדערע האבן גארנישט געזעהן.

## רמזים

• מ'דארף אכטונג געבן נישט נאר אויף די דיבורים פונעם צדיק, נאר אפילו אויף זיינע תנועות און רמזים. גאר אסאך זאכן פארשטייט מען נאר נאך א לאנגע צייט.

• אפילו נאך די הסתלקות פונעם צדיק קען א מענטש ווייטער באקומען הדרכה פון זיינע דיבורים. די רמזים לעבן ווייטער און פירן דעם מענטש.

• רבי נתן איז געווען א גרויסערביישפיל דערפון. ער האט פארשטאנען אז אלע דיבורים פון דעם רבי'ן זענען געזאגט געווארן נישט נאר פאר יענע שעה, נאר אויך לדורות.

• די כח פון רבי נתן צו בויען און ממשיך זיין דעם רבי'נס וועג איז געקומען פון דעם וואס ער האט געזוכט און אנטדעקט די טיפע רמזים אין יעדן דיבור.

## רזין דרזין

• די גאנצע בריאה פירט זיך מיט "רזין דרזין". ס'גייט נישט לויט טבע און פשוט'ע חשבונות. דער אויבערשטער פירט אלעס מיט טיפע סודות און השגחה.

• דער צדיק האט א שייכות צו די סודות פון די בריאה. דערפאר קומט מען ראש השנה צום צדיק, כדי זיך צו פארבינדן מיט דעם אמת'ן שכל און מיט די מקורות פון רחמים.

• די עצות פון רבי'ן זענען דער אמת'ער רוחניות'דיגער טבע פון דער וועלט; זיי פירן דעם מענטש צו חן, תפילה און התקרבות צום אויבערשטן.

• די כח צו מנצח זיין אלע מונעים קומט דורך גילוי אמונה און דורך די צדיקים וואס אנטפלעקן די רזין עילאין און זיי זענען ממתיק די דינים.

• "כיבוש ארץ ישראל" מיינט אנטפלעקן אז די וועלט געהערט צום אויבערשטן. "ברצונו נתנה להם וברצונו נטלה מהם ונתנה לנו". דאס איז א מלחמה קעגן די טענות פון טבע און כפירה.

## א דרך אין תפילה

• מ'קען נישט צוגיין צו תפילה מיט זידלען און שרייען אליין; תפילה דארף האבן א דרך און א סדר לויט די לימודים פון צדיקים.

• אסאך מענטשן מיינען אז כעס, טענות און אויסברוכן זענען "לב נשבר", אבער דאס ברענגט נאר מידקייט און איבל צו תפילה.

• אמת'ע התבודדות איז ווען די דיבורים ווערן געבויט אויף די תורות און די רזין עילאין וואס דער צדיק האט מגלה געווען, און פון דארט באקומט מען א פתחון פה צום אויבערשטן.

• אין תפילה דארף מען זיך לערנען צו מפייס זיין דעם אויבערשטן, משבח-זיין זיין גרויסקייט, מגלה זיין גדולת ישראל און מעורר זיין רחמים והמתקת הדינים.

• דער רבי'נס גרויסקייט איז אז ער געבט יעדן איד, אפילו דעם פחות שבפחותים, א וועג ווי צו עפענען דאס מויל און רעדן צום אויבערשטן.

• יעדע תורה און יעדעס ווארט פון רבי'ן איז א נייער פתחון פה, א נייע טענה און א

נייער וועג צו פארלענגערן די שמועס מיט'ן באשעפער. דער רבי געבט א הייליגע שפראך פון תפילה, וואס העלפט א מענטש רעדן, מאריך זיין און זיך פארבינדן מיט'ן אויבערשטן.

• תיבת האמת והאמונה

• רבי נתן האט שטארק ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון רבי'ן, כדי די שפעטערדיגע דורות זאלן וויסן די חיבה פון כלל ישראל ביים אויבערשטן.

• דער עיקר איז זיך צו אויפוועקן פון די רוחניות'דיגן שלאף און פארשטיין וואספארא מתנה מ'האט באקומען דורכ'ן רבי'ן.

• רבי אברהם שרייבט אז אין אונזערע דורות איז פאראן א מבול פון כפירה, אבער דער אויבערשטער האט שוין פריער אנגעגרייט די רפואה – דעם צדיק און זיינע ספרים.

• דער רבי האט אויפגעבויט א "תיבת האמת והאמונה", וואו מ'קען זיך דארטן באשיצן פון דער מבול און זיך מחזק זיין מיט אמונה, כיסופים און דעת.

## גן ועדן ספרו הקדוש

• ליקוטי מוהר"ן איז ווי א גן־עדן פון חכמה; דער רבי האט צוזאמגענומען מזון פאר די נשמה פון די העכסטע מקורות.

• דער ליקוטי מוהר"ן איז א טייערער מטמון; וואס מער מ'לערנט, אלץ מער אנטפלעקט זיך וויפיל טיפקייט און באהאלטענע חכמה ס'ליגט דערין.

• אין די תורות קען מען נישט אריינגיין נאר דורך אמונה. וואס מער מ'לערנט, אלץ מער שפירט מען ווי ווייט מ'איז פון דער אמת'ער השגה.

• אמונת חכמים מיינט נישט אוועקשטופן קושיות, נאר פארקערט – נעמען יעדע קשיא ערנסט ווייל מ'גלויבט אז אין די ווערטער ליגט א אומבאגרעניצטע עומק.

• דער עיון אין תורות איז נישט בלויז פארשטאנד, נאר אויך א סגולה מיט גרויסע רוחניות'דיגע און אפילו גשמיות'דיגע כוחות.

• דער עיקר פון עיון אין ליקוטי מוהר"ן איז אמונה, יגיעה, תפילה און כיסופים; וויסן אז אין די תורות זענען באהאלטן אלע רפואות און ישועות פאר'ן מענטש.

בסייעתא דשמיא

# עִקַּר הָרוּחַ חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק

עשרות קוראים מקבלים חיות חדשה בעבודת ה' בדרכו של רביה"ק, בקונטרסי "רוחא דחיי" היוצאים לאור מדי שבועיים, משיעורי הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל




חסיד ברסלב!

# קח שותפות קבועה בעסק קדוש זה!

ויהיה לך חלק בזיכוי הרבים הגדול בהארת דעתו של רביה"ק בעולם

**לתרומות:** נדרים פלוס/ נדרים פון מספר קרן 6491 או בקו רוחא דחיי 023024743 שלוחה 1<9